STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03244

ARUM MIR

J. L. Kaluschiner

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. קאַלושינער

„אַרום מיר“

אַרויסגעגעבען פון
פאַרלאַג „פעדער“

ניו יאָרק, 1922

י. ל. קאלושינער
צום מיר
פערלאג „פעדער“ ניו-יארק. 1922

Copyright by
J. L. KALUSCHINER
New York, 1922

ארום מיר

מײַן אסתּר מלכּהן

איך בין דער סוד

איך בין דער סוד פון זיין,
איך בין דער ספינקס פאַר יעדען און פאַר זיך אַליין;
מיינע אויגען זען אַלעם —
אין מיין קורצער ווייל פון אייביגקייט.
איך זע די שפּילצייג פון מיין גאָט,
זע אַלעם וואָס די וועלט פאַרמאָגט
און טרעט אויף אירע וואונדער
ווי אויף געלע בלעטער.

סודות

יעדער טאָג איז פאַר מיר אַ סוד.
און אין יעדער נאַכט פּרוּװ איך אויפצופּלאָנטערן אויפסניי
דאָס רעטעניש פון מאָרגנדיקן טאָג:
— װאָס װעל איך אין דעם ליכט דערבליקן
װען כ׳װעל באַטרעטן די מאָרגן־שװעל?
ס׳איז שװער מיר פון געדאַנקען־נעץ אַ זיגרייכער אַרױס,
דעם שאָטן פון דעם מאָרגן זען,
זײַן סוד דערגײן.
שטרענג איך מײַנע אויגן אָן אין שװאַרצקייט פון דער נאַכט
און זוך און זוך אַ שפּור,
ביז כ׳פאַל אַרײַן אַ מידער אין די אָרעמס פון דעם שלאָף,
און װער פאַרשפּילט פון אים װי אַ קינד,
אין חלומות פיל —
ביז ס׳װעקט אַ נײַער טאָג מיך אויף...

אין שאָטען טאַנץ

איבער מיר דער הימעל אין אַ שפיל פון פאַרבען.
אָט באַווייזט ער זיך פאַר מיינע אויגען אין אַ טאָג,
ווי אַ פאַסטושקע מיט גאָלד-צעלאָזטע האָר
אויף אַ באַרג אונטער דער מיטאָג זון.
אָט באַווייזט ער זיך אין אַ נאַכט,
ווי אַ מיידעל אין שוואַרצען וואואַל אויף אַ ווינטיגען פעלד.
בייטען די הימלען זייערע פלעקען איבער מיין קאָפ,
ווי זיי וואָלטען איבער מיר געטאַנצט פון פרייד,
וואָס האָבען מיך פאַרפלאָנטערט אין דעם שפיל.
הויב איך אויף מיין בליק אויף דעם שאָטען טאַנץ,
דערזע איך זיך אַליין ווי אין אַ שפיגעל
אַ פלעק אין זונענאונטערגאַנג.

ווי זעגלען אין ווינד

נאָך איידער —
איך בין געקומען אויף דער וועלט.
האָט א וואנזיניגער עקסטאַז
פארקערפערט אין מיין בלוט די לאַסט פון לעבען,
פון פריערדיגע
און קומענדע דורות.
שטיי איך אַזוי פאַר׳ן שמייכעל פון גאָטס קאַפּריז
אין שאָטען פון די דורות,
ווי אַ שיפעל אויפ׳ן ים
מיט מיינע פארלאַנגען,
ווי זעגלען אין ווינד...

די רו הינטער דער שטאָט

הינטער דער שטאָט,
ליגט די רו פון דער וועלט.
ציט אונז אָפטמאָל צו דער רו,
פון כאַאָס פון שטאָט.
און גייען מיר ארויס
פון די ווירבעלדיגע גאַסען
נאָך די רו פון דער וועלט,
דערהערט די ווייטקייט אונזער טראָט,
אין פעלד.
שרייט אויס אין וואַלד דער ווייטסטער בוים,
פון אונז די רייד.
שרעקט זיך איבער די רו,
פאַר אונזער טראט;
— מיר זאָלען ניט פאַרשלעפּען צו איר,
דעם שטויב און רויך פון די גאַסען,
און נאָך מער צעשפּרייטען די שטאָט
איבער דער וועלט...

אָפּטמאָל קומט מיר אוים

אָפּטמאָל קוקט מיר אוים:
איך בין געקומען נאָר
באַוואונדערען די פּאַנאָראַמא אויף דער ערד.
באוואונדער איך מיין זיין אין איר.
לאַכט צו מיר דאָס לעבען
דורך טאָג און נאַכט,
רייסט מיך מיט אין פארבען טאנץ
און דרייט מיך איין אין קאַראַהאָד
פון צער און פרייד.
העלט דער הימעל אוים פאר מיר
מיט ליכט און זון —
מיינע וועגען אויף דער ערד,
איך זאָל אויף זיי דערזען —
יעדען וואונדער —
פון מענש און גאָט.

צוועלף

זון אונטערגאנג

פֿון די גרוי - בֿאשטויבֿטע טראָטוארען,
הויבֿען אויף זיך שווארצע שאָטענס
אויף די גאָלד בֿאפארבֿטע הייזער אין די גאסען
און פֿאַרשארען, מיט לאַנגע בֿרייטע פֿאַסען,
די זוניגקייט אין דער הויך.
עס הויבֿען אָן אויף מוירען טאנצען,
טויבען — זונען פלעקען,
צאַפּעלדיגע ווי פון שרעקען
פֿאַר דער בלייכער וואָלקענדיגער מאַכט,
וואָס שלעפּט פון ווייט די נאכט...
און די הייזער, ווי פֿאַרלאָזענע יתומים,
אין געוועבֿ פון שאָטען נעץ —
בֿליקען צו דעם הימעל הויך
מיט רויט-צעגליטע אויגען-שויבען
און שלינגען איין
די לעצטע שטראַלען אויבען
פֿון דעם גוסס'דיגען שיין.

פאַרנאַכט

דער טורעם
אַן אָנגעצונדענער בליץ־לאָמפּ
שפּיצט פייערדיג זיך אויס אין דער הויך
און שעפּטשעט קלינגענדיג א נאַכט געבעט צו גאָט.
— קלינג—קלינג—קלאַנג, קלינג—קלינג—קלאַנג,
און טויבען, גרויע, מיט דעם אָווענט אין די אויגען
פון באַזיגטען טאָג,
פליען פאַרצווייפעלט אין אַ קרייז
איבער דעם באַזונטען קלויסטער צלם.
און פלאַטערדיגע אין א ראָד,
ציען זיי אויס מיט די פליגעל
שוואַרצע סטענגעס פון דער נאַכט,
איבער דער שטאָט.

ווערט אין שטאָט די זון געפאַנגען פון די וואָלקענס
ביי דעם מערב׳דיגען ברעג,
שפּרייט א שאָטען זיך אויף מוירען און קופּאָלען
און צוהענגט א ברייטען פלעק.

הענגט אין לופט צעשפּרייט אַ שווערער גרויער נעפּעל,
ווי די זארג אויף א געזיכט —
ווערען שאָטענדיג באַפלעקט די ווייטסטע גאַסען,
לעשען אוים פון טאָג דאָס ליכט.

צינדען אָן זיך די לאַמטערען אויף די ראָגען,
שפּריצען ראָזע שטראַלען אוים,
פאַלען פלעמלעך אויף די גרויע טראָטואַרען
און באַפינקלען יעדע הויז.

פלאַמען אין די הייזער אויף די פענסטער אויגען
און צוגליען שויב נאָך שויב,
שטעכען פייער שפּיזען דורך דעם שווערען נעפּעל,
שיטען אוים אַ קופּער שטויב.

צינדען אַן זיך קליינע פייערלעך
אין די הימעל-בלויע שויבען פון די טורעם הייזער
אין דער ריזען שטאָט,
ווערען מיינע בליקען ווי געפאנגען אין געוועב
ביי די גאָלדיג בלישטשענדיגע פעדעם,
צעהאַנגענע אין קופער נעבעל
איבער קלויסטער צלמים און גינגאָלדענע קופּאָלען,
איבער גרויע מוירען און פאַרויכערדיגע קוימען —
און וועקען אויף אין הארץ מיר בענקענדיגע פארלאַנגען,
שטילע הארצעדיגע לידער...
צינדען אַן זיך קליינע פייערלעך
און עס ווערט באשטערענט פון די רויטע פענסטער
אין פארנאכט
די ריזען שטאָט.
קוק איך אויף די פייערלעך
וואָס שלענגלען זיך אראָב אויף מיר
און שפרייטען א באשטויבטען רויטען רויך,

— דאַכט זיך מיר:
ווי איך ווער פאַרוויקעלט פון די פאַרבעדיגע שנירען
און זיי הויבען אויף מיך פון דער שטאָט,
ערגעץ אויף א הויכען בלויען בארג
אין א פרייען פעלד,
וואו עס פלעגען מײַנע אויגען שטראַלענדיגע פון פרייד
הויבען זיך צום הימעל
צו דער זון
אין די זומערדיגע שעה'ען אין פאַרנאַכט
אין מיין קינדערשען גליק.

זון

זון,
אין דיין פארנאכטיגען נעץ פון שפּיזען פארבעריי,
וואָס פלעכט זיך איבער מיר
ווי א שפּין געוועב אין פייערדיגען קאָליר,
הענגט נאָך פריי
יענער קלאָרער שיין
פון גליק,
וואָס איז צו מיר אריין
אויף די גאָלד־באוועבטע וועגען פון מיין אלטער היים,
און יאָרען לאַנג
געלאָזען מיר אַ טרוים
פאר מיין בליק.
און אין יעדען פארנאכט פון דיין באלויכטען ראַנד,
זע איך אין דער שטויביגער שטאָט
אויף יעדען טראָט
דאָס בילד:
דעם בליאסק פון יענעם לאַנד,
וואו איך האָב אזוי פלינק
מיינע פיס געהויבען שטיפעריש און ווילד,
אין דעם קינדערשען טאַנץ
ניך און גרינג
בארג אראָב און בארג ארויף
אין ווילדען לויף
אין דיין זונענדיגען גלאנץ...

אבצען

וואָלקענס

קלייבען גרויע וואָלקענס זיך צענויף אין בלויען הימעל,
ווי די שעפּסען אויף די בערג אין פעלד.
שרעקט די זון זיך איבער, ווי א ציטערדיגע מיידעל
און פארבאָרגט איר פּנים פון דער וועלט.

בלייבען ווי פארטרויערטע די הייזער אויף די גאַסען,
און די פענסטער ציטערען פון שרעק.
ווערען אומרואיג די מענשען אויף די טראָטואַרען,
לויפען פון דעם פלאַטער שטויב אוועק.

פאר א שטורם

אַ בער, מיט ריזיגע פינגער,
ווי אָפּגעבּרענטע קלעצער,
האָט פארדעקט דאָס פּנים פון דער זון;
פאַרצויגען זיך איבער די צעשויבערטע לאָקען
פון רויטליכען הימעל,
וואָס האָט באשפריצט מיט גאָלד די שטאָט.
אויף די גאַסען,
באַבערגטע מיט הייזער און הייזער
און איבער קאָפּאלען, פארהילטע אין קופער און מעש,
האָט זיך דער שאָטען פון דער נאַכט,
צעלייגט אין דער הויך,
און אראָפּגעבּרומט אויף דער ערד...
פון שרעק
האָט זיך פון די רוישענדיגע וועגען און טראָטוארען,
אין די אספאלט גאסען,
אויף א מאָל זיך אויפגעהויבען א שטויב
און זיך צעפלויגען אין דער לופט.

פון ווינד־פלאַטער,
האָבען טירען און פענסטער אָנגעהויבען ציטערען,
פארקלאַפּען זיך מיט בראַזגעריי.
איבערגעשראָקענע פון נאַכט־פלעק אין מיטען טאָג,
זיינען מענשען זיך צעלאָפען
אין די הייזער־קאָרידאָרען.
טראַ—ך! טראַ—ך!
האָט אַ דונער זיך ארונטערגעקייקעלט פון דער הויך,
און א טרייסעל געטאָן די ערד אונטער דער שטאָט.
די טויזענטער הייזער־אויגען
האָבען קאָנוואולסיוו א פלאם געטאָן,
און אָנגעקוקט זיך,
און נאָך איידער עס האָט א פייער ערגעץ אין א גאַס,
אָנגעצונדען אַ הויז,
האָט אראָפּגעלאָזט זיך ווילד א רעגען אויף דער שטאָט,
און געוואַשען זי פון מיסט און שטויב.

הערבסט

פֿאַר מײַנע פֿיס,
וואַלגערט זיך דער זומער
אין רעגנעם און אין מיסט.
דער ווינט,
וואָס וואָיעט בייז און ווילד
לאָזט אים ניט רוען,
הויבט אים אין דער הויך
און וואַרפֿט אים אַראָפּ
אין תהום פֿון דער אייביגקייט.

מיט דעם טאָג ליכט

מיט דעם טאָג ליכט,
וואָס שיילט זיך פון דער נאַכט אַרויס
און קוקט אַריין אין פענסטער פון מיין הויז,
מיט אַ ליכטיגען געזיכט, —
הענגט זיך אָן אויף מיר מיט שווערען וואָג
די אומגעדולד פון שטאָט.
קומט אין האַרץ צוריק די לייד
און פאַרטרייבט פון מיינע חלומות די רו, —
דעם יום־טוב פון מיין פרייד —
גיי איך צו דעם פענסטער צו,
בויג איך איין מיין קאָפּ
און קוק אָן אומרואיגער אויף דער גאַס אַראָפּ.
ווערט מיר וואַכעדיג דער טאָג.
וואַכעדיג מיין גאָט...

אַמאָל

אין אַ שפּעטער שעה,
בײַנאַכט
בין איך אומגעגאַנגען שטומערהייט,
באַוואַכט
פֿון לאַמטערענדיגען שײַן.
און געפּלעקט די גאַסען
מיט מײַן זײַן,
ווי אַ בלאָנדזשענדיגער הונט —
שלעפּעריג און מיד
און עס האָט מיך אין אַ הויז
קיינער ניט ערוואַרט —
דאָך —
מיך האָט עס ניט געאַרט...

טאָג

טאָג —
אומרו אין מיין זעל,
צאַפּעלדיגער שרעק אין מיין געדאנק...
אין דיין קלאָרקייט,
בלאָנדזשען מיינע בליקען גרענעצלאָז און פריי,
ווי די פייגעל אין אַן אַפּריל־טאָג אין שטאָט.
אין דעם ווילדען בּראזגעריי,
האלסט דו אין דיינע אָרימס מיך
איינגעקלאַמערט אין דעם שטויב און רויך,
און דו א שמייכעלדיגער זוניג־העל —
שלייכסט אַריין זיך פרעסעריש מיט שרעק
פון דיין ווייטען הויך
אין מיין רולאָזען הארץ —
און נעמסט פון מיר אוועק די העלע שעה.

גליק

אומגעריכטערהייט —
האָט אויף מיר דער הימעל אויסגעשפּרייט
אַ זון שיין,
און די לופט געמאַכט מיר דורכזיכטיג און קלאָר,
אַז עס האָבען מיינע אויגען אין דער ווייט
אַ גלייכען וועג דערזען —
צום גליק צוגיין.

אומגעריכטערהייט —
האָט אויף מיר דער הימעל אויסגעשפּרייט
אַ וואָלקען
און די לופט געמאַכט מיר נעבעלדיג און גרוי,
אַז עס האָבען מיינע אויגען אין דער ווייט
געזוכט דעם וועג צו גיין —
און ניט געזען.

אַ זעגעל שיף

אַ זעגעל שיף בלאָדזשענדיג ווייט אויפ'ן ים
געשליידערט פון כוואליעס נאָך איר אין געיעג:
— בין איך אין דעם גאסען פלאָנטער פון דער ריזען שטאָט,
ווען איך גיי דאָ אן איינזאמער אום אויף מיין וועג.

אַ מאַסטבוים וואָס פלאָטערט פון ווינד אָהן אן אָברו,
און רייסט זיך נאָר ציטערדיג הין און אַ הער:
— אזוי צאַפּעלט זיך מיין הארץ פון דעם געדריקטען טרויער
ווען עס ווערט נאָר דאָס לעבען מיר וואָכעדיג שווער.

שטאָט . . .

אַ דינער שטראָם אין ברייטע וואסערען,
וואָס ווערט פארשלונגען צווישען זיי !
אזוי פארליר איך זיך אין רויש
פון דיינע גאַסען, ווען איך גיי.

אַ שוים־פּאַס אויפ׳ן ים, אַ זילבערנער,
וואָס אַ שיף ציט נאָך זיך מיט׳ן ראָד ;
אַזוי גיי איך אָפּטמאָל אין די גאַסען אום
אין רויש פון שטאָט.

נאכט

עס ווייט אַ שווער גרויער נעבעל פון הימעל
לאָזט זיך געדיכטער אראָפּ אויף דער שטאָט,
און לייגט זיך אין גאסען אויף מוירען און טורעמס
וואָס שפּיזלען מיט פייערען אויף יעטוועדען טראָט.

און טיף דורך דער שוואַרצקייט זיך בּויערען די שטראַלען
פינקלען פון שויבּען אויף גאסען ארוים ;
און שלענגלען אין לופט זיך ארום בּיי די מוירען
און בּינדען צוזאמען א הויז מיט אַ הויז.

אַ פרימאָרגען...

דער הימעל אין גרין־רויטע פאַסען
אזוי ווי א מיידעל זיך צירט
אין מאָרגען ליכט בלענדט זיך א ריזיגער טורעם
אזוי ווי א אינגעל פון ליבע פארווירט.
און שויבען צעגליען ווי מיידעלשע אויגען,
וואָס קוקען באגייסטערט פון פרייד
און ס'ווערען מיליאָנען גינגאָלדענע פלעקען
אויף מויערן און גאסען צעשפרייט.

צווישען צוויי וועלטען

איך בין די גרענעץ,
צווישען צוויי וועלטען.
הינטער מיר,
ליגען בערג מיט חורבות
און רויכערען אוים,
די ווילדעניש פון נעכטיגען טאָג.
פאר מיר,
ליגט אַ צעאַקערטע די פעטע ערד
באַדעקט מיט ברייטע פאסען זון
און אָטעמט מיט פרילינג.
גייט דורך מיר פארביי
— א נייער דור,
מיט פעסטען טראָט,
מיט מאָרגען זון אין בליק.
צופינקעלט זיך דאָס לעבען
און באַשטראַלט די וויסטע וועגען
וואָס שלענגלען זיך ארוים
פון חרוב׳דיגען לאַנד.

יעדער אויפגאנג פון טאָג

יעדער אויפגאַנג פון טאָג,
איז פאר מיר אן אָנהויב צו א נייעם ציל,
צו בארואיגען מיין הארץ אין פרייד
און ליכטיגען גערויש
אין שטאָט.
יעדער אויפגאַנג פון טאָג,
איז פאר מיר אן אָנהויב צו א נייעם שפיל
צו פארשפילען זיך אליין פון לייד
אין ליכטיגען גערויש
אין שטאָט.

צוויי־און־דרייסיג

און וויל איך...

און וויל איך —
איז דאָס לעבען מיר גאָרנישט שולדיג,
כאָטש איך שיק אַמאָל מיין קללה אויף דער וועלט.
און אויב הינטער מיר
ציט זיך שוין אַ לאַנגע שנור
פון יונגע טעג,
אין זיגזאַג פון דער צייט,
איז ניט שולדיג אין מיין גורל
די וועלט וואָס איז געבויט
פאַר זיך אליין...

די זון

פון אונטער די בערג,
גייט אויף אין פיאָלעטען שלייערן דער טאָג.
פון אונטער די בערג,
שווימט ארום אויפ'ן הימעל א ברענענדע שיף, —
די זון.
און ווי לאנגע קלעצער אויף א פייער
ווערען וואָלקענס אָנגעצונדען —
ליכטיג ווערט די וועלט.
צעזינגט זיך דאָס לעבען
טאַנצענדיג אָנטקעגען דעם טאָג מיט אַ לויב.
ווערט מיר גוט אזוי און היימליך אויפ'ן הארץ,
ליכטיגער אין מיינע אויגען פון דעם ליכט
וואָס פאלט מיט זון אויף מיר.
אזוי וועט זיין דאָס לעבען מיינס,
— אמאָל.
מיין גורל וועט פון טיפסטען זומפּ פון פיין,
ווי דער טאָג אין פארבען פארשלייערט —
באווייזען זיך פאר מיר
אין א גרויסער שעה.

אַ צייטונג

יעדען טאָג,
באַקום איך פון אַ גאַנצען מעת-לעת:
— די נאכריכטען פון דער וועלט.
לייען איך די מעשׂים פון לעבען
די געשעענישען ארום מיר.
דרייט זיך פאר מיין בליק די ערד
און עס איילען פארביי,
געשטאַלטען —
לענדער און שטעט.
די קעפּלעך פון דער צייטונג,
— ציטערדיגע עדות
רייסען זיך ארויף צו מיינע אויגען
שרייען אויס יעדע נייעס,
ווי איך וואָלט געווען איבער זיי
דער בית-דין.
לייען איך
די געשעענישען פון מעת-לעת,
אין רואיגקייט פון פרייד,
אין ציטערניש פון גרויל,
און עס לויפט מיין בליק,
אין די ווינקלען פון דער וועלט.

אנגסט

פרימאָרגען.
עס לויפט מיט מיר די סאַבּוויי
אויף רעלסען בלאַנק און לאַנג —
ווי סטרונעס צוויי,
אונטער דער הויט פון דער שטאָט.
נאָך איר אין ווילדען לויף,
איילט מיט די שרעק — שפּעט!
נאָך אַ געקלאַנג פון רעדער קלאַפּעריי:
טיק-קליק, טיק-קליק, טיק-קליק!
שפּעט, שפּעט, שפּעט!
דריי איך זיך אויף מיין אָרט פון אומגעדולד,
ווי אַ וועכטער אין דער לעצטער שעה פון נאכט.
און פון אנגסט
צוקט אויף דאָס בלוט אין מיר,
נאָך גיכער פון דעם רעדער-דריי,
לויפט מיין אָטעם-הויך אין שטיקענדען וואגאָן,
און נאָך העכער פון דעם צעיוזשעטען געבּריל
קלאַפּט דער פּולס אין מיר:
טיק-קליק, טיק-קליק, טיק-קליק!
אין מיין אייל,
צו דערגרייכען און דערכאַפּען ביי אַ ראָג,
די אַכטע שעה.

איך מוז דאָך זיין אזוי

— איך מוז דאָך זיין געהאָרכזאם אין מיין צער:
פאָלגען דעם באַפעל
פון די, וואָס וואכען איבער מיר ביי טאָג
און וואכען איבער מיר ביינאכט.
איך מוז דאָך זיין אזוי, —
איך בין היינט זייער שפּיל,
איך בין דאָך זייער צייט־פּארטרייב,
וואָס פארשפּיל זיי מיט מיין אנגסט —
איך מוז דאָך זיין אזוי.
ווי לאנג איך זעטיג זיך מיט ברויט,
ווי דער הונט
מיט א ביין אין גאס —
מוז איך זיין אזוי.

בריל͏אַנטען

איך בין געגאַנגען אויף בראָדוויי,
אַ מיטגעשלעפּטער אין אַ מענשען-פּלאָנטער, ווי
אַ שטראָם פון אַ וואַסערפאַל.
געפאַנגען פון דעם רעוועדיגען קלאַנגען-כאָר,
פון אויטאָס און טראַמווייען —
און האָב פאַרלוירען זיך אין ליכטנעץ פון אָראַנזש-בלויען
נעבעל-שטויב.
פּלוצלונג — האָט אַ שטראָם פון עלעקטרישען ליכט
אַ בליץ געטאָן צו מיר
און מאַגנעטיש צוגעצויגען מיט אַמאָל מיין בליק
צו אַ פענסטער. — — אַ פענסטער,
פאַרטרונקען אין אַ שימער-שיין זיג-זאַגיש אויסגעפלאָכטען;
געפלאָכטען ווי פון גאָלד-גרינע שלאַנגען מיט אויגען;
בריל͏אַנטען — בריל͏אַנטען! בריל͏אַנטען!
— קאָלירטע בלומען-קאָנפעטי צעשאָטענע, ווי
אונטער דעם גלאַנץ פון דער זון,
האָבען זיך צעפינקעלט פאַר מיין בליק;
— אַ זומער רעגען אויף שוימיג ווייסע וועלען פון אַ טייך!

און קוקענדיג אויף זיי אין פענסטער,
האָב איך פרעסעריש און ווילד
מיט די אויגען מיינע איינגעזויגען אַלע פונקען פון
ברילאַנטענעם וואַקכאַנאַליען־טאַנץ —
און גע'טובל'ט די געדאַנקען מיינע אין פאַרבען־גלאַנץ
פון שניידענדיגען ליכט,
ביז —
פליגעל פון גינגאָלדענעם געוועב, האָבען מיך פאַרטראָגען
אין אַ גיגאַנטישען פּאַלאַץ:
אַ זאַל אַ ריזיגער פון ווייס־געשניצטען מאַרמאָר,
באַגאָסען מיט אַ הימעל־בלויען שיין.
פּאַלמע בוימער רונד און רונד צושטעלט.
אויף אַ הויכע שטול פון איידעלשטיינער איז געזעסען
פּרינצעסין יאַוועדאָוואַ —
און אַראָפּגעקוקט אַ רואיגע מיט ברענענדיגע אויגען.
אַ קוועקזילבערנער פּעכער ווי אַן אָדלער
האָט באַוואַכט איר בריליאַנטענעם קרוין.
פאַר איר, אויף דעם געל־פּאָלירטען דיל,
האָבען מיידלאַך אין פּיאָלעטען־געוועב, ווי
שמעטערלינגען געטאַנצט
מיט מענער אָנגעטאָן אין שווארצע פראַקען —
און געשפּיגעלט זיך אין דעם בריליאַנטענעם בויגענבליאַסק,
וואָס איז געהאַנגען פון דער אויסדערוועלטער'ס האַלז.
באַלד —
האָבען פאַרביגע פונקען מיך איינגעפּלאָכטען אין אַ קנויל

פון צעגליטע שפּרינגענדיגע דראָטען
און אַרויסגעשליידערט אויף דער ווירבעלדיגער גאַס —
אויף אַ לוזשע בלוט.

מענשען ווי די גולמ'ס שטום, זיינען דאָ געשטאַנען
אין אַ ראָד אין אַ ראָד,
אָבל'דיג די קעפּ געבויגען און געקוקט ווי דורך אַ גרוי
צעראַצטען גלאָז.

אויף דעם קין-פלעק...
אונטער דעם צודעק פון זייערע מענשען-הערצער
האָט אויפגעשוימט אַ טרערענדיגער קראַנץ פון צער;
"ער האָט צעקלאַפּט אַ שויב,
האָט פון ברילאַנטען גאָרטען אויסגעשפּריצט אויף אים
אַ פייערקויל"..

דער גרויער טראָטואַר אונטער מיינע ציטערדיגע פיס,
האָט אויפגעשפּרייט אַ ריזיג מויל און מיך פאַרשלונגען
אין זיין טיף.

און אונטען אין דעם גרוב האָט אויפגעוואַכט אין
שוואַרצען קופער טוי —

אַ קאָרידאָר,
און דורך דעם לאַנגען אויסגעבויערטען פעלזען לאָך,
האָט געצויגען זיך אַ מענשען-קייט —
אַנגעטאָן אין שווערע טראַנטעס ווי אַ מחנה בעטלער
מיט שטעקענס אין די הענט און טאָרבעס אויף די העלזער —
מיט לעמפּלאַך אָנגעצונדענע אויף שטערענס פון די קעפּ

און האָבן מיט די ברוינע הענט אויף די בלאָטיג
שוואַרצער ערד,
געקליבן שטיינדלאַך!
בריליאַנטען! בריליאַנטען!
און אין קלאַנג פון די שטיינדלאַך,
האָבן אָפּגעקלונגען טריט:
אַ מענש — ווי איך — איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיין בליק
אַ צופרידענער מיט גיכע טריט.
מיין אויג האָט זיין שאָטן־פלעק נאָכגעפאָלגט ביז
צו אים אהיים
און דאָרטען בין איך מיט אים אַריין אין הויז:
די ליבסטע זיינע האָט צאַפּלדיג פון אומגעדולד
אויף אים געוואַרט.
— אַ שטיינדעל, ווי אַן אייז־טראָפּ קעגען זונען־שיין,
האָט צעצונדען אין די אויגען טיף ביי איר
פייערען אלערליי פון גליק,
אויף וועלכען ביידע האָבן יאָרען לאַנג געוואַרט.
און אָט איז פאַר מיין בליק אויפגעשוואומען, ווי אַן
אונטערוואַסער־שיף,
אַ שטוב —
אַ שטוב, ענג ווי אַ קבר, מיט אייזען־גראַטעס אויף
דעם פענסטער.
אַ ברעטער־בעט מיט געלען שימעל צוגעדעקט.
אויף דעם בעט
איז אַ מענש געזעסען, דעם קאָפּ געבויגען צו די קני,

און פּאַר צייט־פּאָרטרייב,
האָט ער אויסגעקלונגען מיט די קייטען אויף די הענט !
— בּרילאַנטען ! בּרילאַנטען !

— — — — — — — — — — — — —

גלין־קלאַנג ! גלין־קלאַנג ! האָ־אָ־אָ ! האָ־אָ־אָ !
גלין ! גלין ! גלין־קלאַנג ! גלין־קלאַנג !
ווי טיגערס נאָכגעיאָגטע פון די יעגערס,
זיינען פייער־לעשער אין גאַלאָפּ געלאָפען טומעלדיג
און ווילד
און האָבען מיינע אויגען אָפּגעריסען פון דעם פענסטער
פון בּריליאַנטען וואקכאַנאליען־טאנץ.

„ספּרינג סטריט“

— היינט, ווי יעדען אין דער פרי,
בין איך אויך געפאָרען אין דער סאָבוויי
צו דער ארבייט.
איך בין פארטראכט געזעסען אויף דער באַנק,
און אָפּגעפּיצעלט פון מיין מאָרגען־צייטונג
שטיקעלעך פּאפּיר,
גלאַט אזוי,
אומבאוואוסטעהייט.
איך האָב געקוקט נאָר אויף די קליינע פענסטער
פון דעם איילענדען וואַגאָן.
די פאַרשטויבטע שויבען —
האָבען ווי קופּער שפּיגלען אָבגעגלאַנצט אין מיינע אויגען,
פאַרבען פון א רעגענבויגען.
איך בין געוואָרען איינגעפלאָנטערט אין אַ נעץ פון פונקען,
יעדער פונק
האָט צעשטראַלט פאַר מיר אַ אַנדער בילד.
— איך פאָר אין באַן,
אַהיים מיט פרייד פון דער גרויסער שטאָט.
פון מידקייט.

אַ ניט דערשלאָפּענער אין וועג,
פון פאַרען שוין אַ גאַנצע נאַכט,
וואַך איך אויף אין מונטערקייט!
איך בליק ארום מיט גרויסע אויגען צו אַ בלוי־געבערגטען ברעג.

דורכ'ן פענסטער פון דער באַן,
דערזע איך: —
עס פוצט זיך אוים דער בלויער הימעל
אין אַ זונענדיגען גלאַנץ.
עס שפּיגלען פון דעם מזרח אויף דער ערד אַרונטער
העלע שטראַהלען אין אַ שאָטען טאַנץ,
און שלענגלען זיך אוים אויף זאַנגען אין פעלד
לעבעדיג און מונטער,
ווי זיי וואָלטען אויסגעגילט פאַר מיר
די גאַנצע וועלט.
איך זינג אוים מיט פרייד:
„היים מיין היים! מיין גוטע ליבע היים".
איך זע דיך איצט פאַר מיר.
גייסט אויף פאַר מיינע בענקענדיגע אויגען,
ווי דער ים ביים זון־אויפגאַנג.
נאָך אַ מייל, און באַלד,
וועל איך ווידער נאָך חדשים לאַנג,
זיין דער ליבסטער גאַסט אין שמאָלען געסעל.
אויף דער שוועל פון מיין הויז
וועל איך מיינע קרובים טרעפען וואַרטען שוין אויף מיר,

מיט פולע ארעמס פרייד.
און זי?
וועט אודאי אין די שבת קליידער אויך דאָרט שטיין,
צווישען אייגענע — אַ פרעמדע נאָך
און קוקען שעמעוודיג אויף מיר.
דאָס פּנים איר׳ס,
וועט זיך ווי דער מאָרגענשטערען
שפּיגלען אין מיינע אויגען
שטומערהייט מיט זון און פרייד.
שפּעטער,
ווען מיר וועלען גיין שפּאַצירען
וועל איך שטומערהייט דערציילען איר:
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
„ספּרינג סטריט“
איך האָב אויפגעציטערט.
און פון סאָבוויי
בין איך אַרויסגעכאַפּט געוואָרען
אין די לאַפּעס פון שטאָט.

דורכ'ן פענסטער פון באַן

שנייאיגע פעלדער, שנייאיגע בערג,
שווימען פאַרביי דורך מיין פענסטער אין אייל,
אין ווילדען געאייל
אַ מייל נאָך א מייל,
און שלעפּען מיט זיך נאָך אין רויש
אין פוכיגען וועג
א פלעק נאָך א פלעק!
שטיבלעך ווי קברים פאַרזונקען אין שניי
וואָס קוקען באַזילבערט ארויס
צו קראָהען וואָס פליען אין הויך,
אין ווילדען געשריי...

שנייאיגע פעלדער, שנייאיגע בערג,
שווימען פאַרביי דורך מיין פענסטער אין אייל,
אין ווילדען געאייל
א מייל נאָך א מייל,
און רייסען די בליקען ארויס
צום שניי, צו דער וועלט,
צום הימעל, צום פעלד,
ווי ס'לויפט נאָך דער טאָג נאָך דער באַן אויפ'ן וועג
פאַרוואָלקענט אין ווייסען געבּרויז
און שפּרייט פאַר מיין פענסטער א רויך,
אַן ענדלאָזען פלעק...

זעקס־און־פערציג

ביים האפען

שטייען שיפען ביי די ברעגען
צוגעבונדענע מיט שטריק,
וויגען אום זיך אויף דעם וואַסער
גרייטענדיג אין וועג צוריק.

שפּרינגען ווייסע זילבער וועלען,
צו די ברעגען בייז און ווילד,
ווי זיי וואָלטען צו די שיפען
פון דעם ים אהער געצילט...

אויף די שיפען פויזען מענשען,
ווי די סוחרים אויפ'ן יריד:
טראָגען קולות זיך פאנאנדער
אויסגעפלאָכטען אין א ליד.

פון ארום עס פייפען שיפען
ווי א לייבען ברומעריי,
ריקען אָפּ זיך קליינע שיפלאך
מאַכענדיג דעם וועג זיי פריי.

שווימען שיפען אָפּ פון ברעגען,
לאָזען זיך אין ווייט אוועק,
פאָכען מענשען מיט די טיכלעך
קוקען נאָך מיט באנק פון ברעג...

אויפ'ן גליטש

א וואסער־פעלד,
ווי אַ מאַט־בלוי גלאָז
איינגעראמט אין שניי,
ליגט פארגליווערט אויף דער ערד
אין ווייסען קעלט.
איבער דער העלער הויך,
בלאָזט
פון פראָסטיגען מויל א ווינט,
און שארט אָפּ צום ברעג
דעם זילבערנעם שטויב פון פּאָלירטען דעק.
אויף זיין בלויען שפּיגעל־פלאך,
ארום אין א ראָד,
גליטשען זיך מענשען אויף אייז־גליטשערס
און פליען ווי דונקעלע פיילען.
די מוזיק שפּילט,
אַ מאַרש נאָך אַ מארש פון זאָרגלאָזע פרייד,
און אין טאַנצענדיגער שטיפעריי
קנייפּט דער פראָסט ביי יעדען אוים,
רויטע פלעקען אויפ'ן פּנים,

ווי געפאַרבטע שויבען פון דער זון.
און איך, — אין מיטען ראָד
פון דעם גליטשענדיגען טאנץ,
שנייד מיט מיינע אייז-גליטשערס אויס
אויפ'ן שפיגעל אייז
זיג-זאגישע רינגען ארום אין א קרייז.
פלי איך גיך און גרינג,
ארוים פון וואָכעדיגען זאָרג
מיט אויסגעשפּרייטע הענט
און ווער פארפלאָנטערט מער און מער
אין גרויסעןווירבלענדיגען רינג.

ניט איינמאָל

ניט איינמאָל,
האָב איך אָפּגעגעבען מיינע טעג
אין וואלד פון בענקשאפט —
און געזוכט דיך,
דו אויסדערוועלטע אין מיין וועלט.
ניט איינמאָל,
האָב איך אָפּגעגעבען מיינע נעכט
אין ים פון אומרו
צו ווארפען כאָטש א בליק אויף דיר,
דו זון־פרייד אין מיין זעל.

אין נעפּעל פון מיינע אויגען

איבער מיר צוקאָפּענס,
רוט די נאַכט.
און אונטער אירע שלייערען,
ליג איך היינט אן איינגעפורימטער אויף מיין געלעגער
מיט מיין קאָפּ אין קישען,
און קוק אריין אין פינסטערניש פון הויז.
איך זע דיך,
און מיט יעדען גלעט פון ווינד אין פענסטער,
זינג איך נאָך דאָס ליד פון דיינע רייד,
אויף מיין געדאנקען הארף,
ווי דו מיט דיינע ווייכע פינגער
אויף קלאווישען פון קלאווער.
פון יום טוב אין מיין הארץ,
דריק איך שטאַרקער מיינע אויגען צו,
איך זאָל דיך העלערער דערזען.
און אין קרייז
פון פארביגען נעפּעל:
דערזע איך —
מיין קוש,
רויטעלט זיך נאָד אַלץ אויף דיין פּנים.
און אין שעה פון גליק
דערהער איך אין דער נאכט:
דיינע רייד
וואָס רופען מיך צו דיר.

די מאָדעל

מיט דיין אנטבלויזטער ברוסט,
ביז אין העלפט
שטייסט דו פאַר מיר, ווי פון מאַרמאָר
אויסגעשניצט.

דיין גוף,
געדראַפּירט מיט אַ זיידענעם טיול,
בליאַסקעט אין מיינע אויגען.
ציטערט אויף דאָס בלוט אין מיינע אָדערען,
ווי דער גלעט פון א יוני ווינט
די וועלען פון א טייך.
מיט דעם הויך פון דיין אָטעם
יאָגסטו צוזאַמען מיין געדאַנקען־לויף
אין א פלאָנטער.
דיין כישפ׳דיגער שמייכעל אויפ׳ן פנים,
ווי א פיאָלעטען וואָואל
פון פערעלשטיין,
שנירט אוים א פעטליע פון זינד,
אויף דעם וועג
פון מיין דרימעלדיגער אומשולד...

אין ווילדען קאַראַהאָד

אין מיין שמייכעל,
איז מיין ניט דערזאָגטע פיין פאַרגאַנגען
קוקענדיג אויף דיר
אין העלען גלאַנץ אין זאל,
וואו דו האָסט געטאַנצט מיט מיר,
אין ווילדען קאַראַהאָד,
ראָד אין ראָד.

דיינע אויגען,
האָבען בליקענדיג אויף מיר,
נאָך העלער אויפגעפינקעלט אין דער נאַכט
אין עלעקטרישען שיין,
און זיינען גלוטיגע פון גליק
אין מיין הארץ אריין; —
און פארנעבעלט מיר מיין בליק
אין ווילדען קאַראַהאָד,
ראָד אין ראָד.

איך האָב געשוויגען.
און געקוקט נאָר אויף דיין זונענדיגען פנים,
צו מיין הארץ דיר צוגעדריקט,
און מיין ווײ אין מיר דערשטיקט
און געלאַכט!
אין ווילדען קאַראַהאָד,
ראָד אין ראָד.

דיין נאָמען

הער איך
עמיצער דערמאָנט דיין נאָמען ;
לייכטען אויף פאַר מיר
דיינע אויגען,
ווי פלעמלאך פון א לייכטורעם אויפ'ן ים
ביינאַכט.
קוק איך אין דער וועלט ;
ווערט באַזונט מיין פּנים
ווי מיט דעם פייער
פון אַן אַנגעצונדענעם קרישטאָל לאָמפּ.
קוק איך אויף דיין פאַרבען־חן,
וואָס שיינט ארוים פון דיר,
וואו דו שטייסט פאַר מיינע אויגען,
ווי אַ בערג־קעניגען אויף אַ בארג.
מיט אויסגעשטרעקטע הענט
צו דער זון.
ווער איך אומגעדולדיג,
אומרואיגער ווי דער ים געבייטשט פון ווינט.

דיין האַלז־טוך

דיין האלז־טוך,
האָב איך היינט גענומען אויף מיין האלז,
האָט אַזוי געטאָן אויף מיר,
די זיידקייט פון דיין הארץ.
בין איך אין מיין גאנצער פרייד,
מיט דעם האלז־טוך
אויף מיין האלז,
ארומגענומען ווי פון דיינע הענט,
צוגעגאנגען צו דעם שפיגעל;
איז מיר גוט געוואָרען,
גוט אויף מיין געמיט
פון דיין געשאַנק.

אַ חתונה

אַ חתונה —
גיי איך אנטקעגען דער פרייד.
די מוזיק און דאָס געזאַנג, דרייט מיך אַריין אין דעם ראָד
און איך ווער אַ קלאַנג פון דעם כאָר.
און זינגענדיג מיט זיי, צעוואַקעלט זיך דער זאַל אַרום מיר:
פאָרלעך, פאָרלעך, טאַנצען פאר מיר פארביי!
גלאַנצען אויגען אין שפיגלען פון אויגען!
ווי דאָס טאַנצען וואָלט עפּעס דערציילט אין דער נאַכט,
דעריאָגט אין דעם לעבען אַ ציל.
וויג איך זיך אום ווי אַ פּאָס אויף די כוואַליעס פון ים
און פארנעם אין מיינע אויערען די רייד
פון געסט און פון פריינט — דעם וואונש פאַר דעם פאָר.
— צוויי מענשען הויבען אָן פון אַצינד,
אויף ווייטער צו ציען דעם פאָדים פון די דורות.
טאַנץ איך מיט זיי — דעם נאָכטאַנץ פן דור נאָך דור...
מזל-טוב! זינגט זיך ארוים פון מיין האַרץ:
עס פאָרען זיך מענשען
און ציען דעם פאָדים פון אוראַלטע צייטען,
ביז פאָרען עס וועט זיך דאָס פאָר פון דעם ריז,
וואָס וועט אנטפלעקען די פרייד און דאָס גליק
פון אייביגען זיין אויף דער וועלט!...

איך בין...

איך בין א לויפענדיגער שטראָם אין וואסער,
וואָס איילט זיך שוימענדיג אַוועק,
לאָז נאָך זיך שניי־פּאַסען איבער —
און ציל זיך צו דעם ברעג...

איך בין א לויפענדיגער שטראָם אין וואסער,
און ווי די פאסען שוים אויפ'ן טייך,
וויקלען אויף זיך מיינע יאָרען,
און גייען אונטער גלייך...

מיינע טריט

זינגט אַ מאַמע פון איר האַרץ איר מאַמע ליד
און פּאַטשט צו פריידיג מיט די הענט:
„אַט אַזוי! אַט אַזוי!
גייט אַ קינד, גייט אַ קינד אַליין",
און ווי אַ שיכּור'ל אַ קליינס
פון געזאַנג באַטרונקען,
שאַרט דאָס קינד אַ פיסעל נאָך אַ פיסעל
צו דער מאַמעס אויסגעשטרעקטע הענט.
זינגט אַראָפּ פון איר געזיכט דאָס ראָזע גליק
און גליטשט אַרויס זיך פון די ליפּען,
ווי אַ פויגעל'ס צוויטשעריי:
אַט אַזוי, אַט אַזוי,
„גייט אַ קינד, גייט אַ קינד"
און אין דער מאַמעס אויפגעהעלטע אויגען
צינדען גאָלדיגער זיך אָן די פינטעלעך
און צעפלאַמען רויט דאָס פּנימ'על פון קינד; —
ווי מיר אַמאָל —
ווען איך בין נאָך ווי דאָס קינד געווען,
און איך האָב דעם ערשטען טאָג
מיין פוס געשטעלט אויף דער האַרטער ערד,

אכט־און־זופציג

און עס האָבן מיך אודאי אויך מײַן מאַמעס אָרעמס
היים און ליב
אײַנגעקלאַמערט צו איר האַרץ.
און פּונקט ווי דאָס קינד,
האָב איך געוואַקעלט יענעם טאָג אין גאַנג,
געזוכט אַזוי די טריט,
ווי איך וואָלט געוואָלט דערגיין —
וואו עס ווּעלען מיך אין שפּעטע יאָרן פירן מײַנע פיס.
און באַהאַלטענדיג פאַר זיך אַליין דעם סוד,
האָב איך שטיפעריש פון קינדער גליק —
די פרייד געשלונגען פון מײַן מאַמעס אויגען.
„אָט אַזוי — גייט אַ קינד"
האָט זי אויך געמוזט דאַן זינגען פון דער ווײַט צו מיר
און אויסגעשטרעקט צו מיר די הענט
און צוגעצויגען מיך אַ ריינער נאָך אַהן זינד
מיט קושן-קלאַנגען פון איר האַרציג ליד:
„אָט אַזוי! אָט אַזוי".
און אָט אַזוי — זע איך יענעם טאָג אַצינד פאַר מיר,
איך — ווי אַ ווײַסע טויב אין טויבענשלאַג,
וויג זיך אין מײַן קליינער וויג,
וויג זיך פון געזאַנג מיר אויס מײַן שיינע וועלט,
מײַנע טעג, וואָס ווילען נאָכגיין מײַנע טריט,
ווי מײַן מאַמעס בליקען נאָך מײַן גאַנג.
אָט אַזוי,
„גייט אַ קינד, גייט אַ קינד אַליין".

פאַר איר פאַרלאַנג

אין די ערשטע שעה
פון מיין געבורט,
בין איך שוין געוואָרען איר'ס א שפּילצייג...
און שפּילענדיג זיך מיט מיר
פאר איר צייט-פארטרייב,
האָט זי מיר דאָס לעבען מיינס,
באזונגען אזוי ליב,
איך האָב אירע קלאַנגען
אריינגענומען אין מיין זעל...
ביז —
אין לויף פון טעג און יאָרען,
האָב איך אין איר בליק
ווי אין א גרויסען שפּיגעל,
דערזען זיך אַ פלאָנטערדיגער
אין אַ נעץ פון זינד.

די דראָענדיגע האַנט.

ווי שאַרפזיכטיג עס זאָל ניט זיין מיין אויג,
און טריאומפירענד מיין באַגער אין לעבּען,
אין דער תאוה'דיגער וועלט ;
וועט דאָך די דראָענדיגע האַנט,
פון ניט פאַרגעסענעם אין מיר,
אַן אומזעבאַרע פאַלען אויף מיין קאָפּ
און איך וועל די גלייכגעוויכט פון מיינע טריט פאַרלירען
אין מיטען בּוי פון אַ געדאַנק.

אטאָמען

איך וועל אמאָל
צעשאָטען ווערען אין אטאָמען,
ווי די גרויע אַש
פון אן אויסגעברענטען פייער.
יעדער ווינט וועט מיך ביסלעכווייז
צעבלאָזען אויף דער וועלט,
און איך וועל שוועבען פריי אין רוים
פון עטער:
און קוקען אויף דער ערד —
קוקען לאַנג און אייביג,
אין דעם גיהנום אָפּגרונט —
וואו איך האָב אמאָל
געטאַנצט דעם שאָטען־טאַנץ
פון לעבען...

איך בין געקומען . . .

איך בין אראָבגעקומען אויף דער ערד,
א געבעטענער צום מענשען שפּיל.
שפּילט דער עלענד זיך מיט מיר
און לאכט מיך אויס...
זוך איך דאָ ארום
אויף וועגען פון דעם שפּילעדיגען לעבען,
דאָס ניט געפונענע פאר מיר
וואָס זאָל באַרואיגען פון אומגעדולד מיין האַרץ.
בין איך אָבער ווי א וואגעבונד
צווישען טומעל און געשריי
מיט אלע וואונדער אויף דער ערד.

אויפ׳ן פּאַפּיר

אויף פּאַפּיר,
ווערט פון אונז געפירט דער רעכענונג פון לעבען.
אויף פּאַפּיר,
ווערט פאַרשריבען אונזער גורל,
וואָס ווייזט אונז אָן די וועגען אין דער וועלט.
און פון אייביג אָן,
פירען מיר חשבונות מיט די דורות
און בלייבען אָפּטמאָל שטיין אין מיטען פון דעם חשבון
פון קומען און פאַרגיין.
פּלאָנטערען מיר זיך אַרום מיט חשבונות אין די קעפּ
וואָס נעמען ביי אונז אַוועק די יום־טוב׳דיגע רו.
אויף פּאַפּיר,
רעכענען מיר נאָך די מעשים אונזערע פון טעג און נעכט
וואָס לויפען געשפּאַנט פאַרביי.
געוועלטיגט איבער אונז דער חשבון פון דער צייט.
קוקען מיר אויפ׳ן פּאַפּיר
און פאַרגייען
אומצופרידענע מיט אונזער גורל.

ביים שפּיגעל

אַט די וואָס האָבּען אויסגעפּאָרימט מיך,
מיט דעם צער פון זייער זעל,
און האָבּען איבּער מיר א מאָל געוואכט,
און געקוויקט זיך
פון דער פרייד —
געפינענדיג אין מיינע אויגען — גליק
אזוי זוניג העל
בּיי טאָג, בּיי נאכט,
אַט די —
זיינען היינט פון מיר געשייד...
זוך איך יעדען טאָג,
אין די אויגען מיינע, זייער גליק,
און איך קאָן פון דעם קיין שפּור ניט זען,
מעג איך מיט א שמייכעלדיג געזיכט
שעה נאָך שעה
אין העלסטען ליכט,
בּיים שפּיגעל שטיין...

איך זוך און זוך

איך זוך און זוך,
און וואָס איך זוך ארום דאָ אויף דער וועלט,
ווייס איך ניט אליין.
איך זוך —
און וואָס קאָן מיך שוין באַפרידיגען אין לעבען
כאָטש אַ טאָג אין יאָר, —
ווען אלעס איז ארום מיר
אַזוי שטויביג אויף דער ערד,
ווי דאָס זאַמד אין מדבר
צעשטויבט פון ווינד.
איך זוך און זוך
און איך ווייס ניט וואָס איך זוך,
— נאָר עס זאָגט מיר שטענדיג מיין געדאַנק,
"עס פעלט דיר אוים דער טאָג
וואָס פאַרגייט פון דיר".

פרייד

. . . און איך —
די גרויסע פרייד פון לעבען.
בין אין יענעמס הארץ
דאָס גליק.
איך לעב און גיי
אין גאַסען וואַלד
פון דער ריזען שטאָט.
פלאָנטער זיך צווישען מענשען
אין מיינע אומעדיגע טעג.
די אומרו אין מיין בליק,
פירט מיך פון יוגענדקייט אוועק,
באַ׳גנב׳עט פון מיין ניט דערגרייכטער רו,
גייענדיג באגלייט פון עלענד און פון צער,
לאָז איך איבער אין מעטאַל-ווירוואַר
נאָך מיינע טריט,
קלאנגען פון מיין טאָגיג ליד.
שפורען פון א בילד:
מיסטעריעזע הענט,
האָבען מיינע שוואַרצע האָר,
באַווינטערט בייז און ווילד
פון יאָר צו יאָר . . .

אין שטאָט

איבער מיר,
געוועלטיגט אין דער שטאָט,
— דער טאָג.
גיי איך נאָך נאָך זיינע טריט
צו דער נאַכט
אין זיין קאַפּריזען שפּיל.
שפּילט ער זיך מיט מיין הארץ
מיט די וואונדער פון דער וועלט
און פארשפּילט אלץ מער
מיין יעדע שעה
צום אונטערגאַנג...

ירושה

טאָג נאָך טאָג,
צום טויזענטסטען מאָל שוין אין שנור פון מיינע טעג —
ווערט געפאַנגען מיין באַוואוסטזיין אין אַ נעץ פון טרויער.
און אין מיטען טראַכטען פון מיין גורל —
הויבען אָן זיך פאר מיין בליק צו דרייען,
ווי די פליגעל פון א ווינט-מיל ;
— מיינע ליכטיגע אילוזיאָנען מיט די שווערע פאָלגען
פון דער לאסט פון חובות —
וואָס עמיצער האָט אין רגע׳ם פון לייכטזין
געלאָזען ירושה פאר מיר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען איך פרואוו,
באַטרעטען מיט מיין מידען פוס די שוועל פון רו —
באפרייען זיך אין לעבען
פן די פליכטען,
וואָס עס ליגען אויף מיין רוקען, ווי א שווערער געוויכט;
— בלייב איך שטיין פארוויטאָגט איינגעצאַמט אין פיין,
מיט אַ שמייכעלדיגען מויל
אויף זיך אליין,

און אויף די מענשען אויף דער גאס,
וואָס איילען שטראָמענדיג פאַר מיר פאַרביי.
עס הויבט אָן וואקלען זיך פאר מיינע אויגען,
— די וועלט —
די גאָלד אילומינירטע וועלט,
פארוישט אין דעם כאאָטישען געבראזג,
פון מענשען
אין געאייל נאָכ׳ן גליק.

אין פרעמדע הענט

— גאָט פון נעבעל לאַנד,
האָט איבערגעגעבן מיך אין דיינע הענט,
דו זאָלסט מיין וועכטער זיין פון ערשטען טאָג,
ווען איך האָב דערפילט דעם אָטעם פון דער וועלט.
און שפעטער אין עקסטאז פון דיינע טעג אין לעבען
האָסט דו די ליבע צו יעדען מענש
פאַרפלאַנצט טראָפּענווייז אין מיר,
אויפ׳ן פלאַנטער וועג, צו מיין אייגען גליק.
און אין שעה׳ען פון דיין צופרידענקייט מיט זיך אליין,
האָסט דו אין דיינע אָרעמס מיך געהאלטען איינגעשלאָסען
און מיך געקושט,
און אויסגעשלייפט מיט דיינע ליפען די געדאנקען אין מיין
קאָפּ.
דיינע ליכטיגע חלומות מיר געזונגען אין א ליד נאָך ליד,
און אויסגע׳חלום׳ט מיינע טעג,
— איך זאָל אין זיי פאר דיינע ליכטיגע מאַמע אויגען,
שפעטער זיך באווייזען ווי די זון.
און אין יענער שעה,
זאָלען זיסער פון דיינע געזאנגען

פאלען צו דיינע אויערען
— מיינע רייד.
און ווען דו האָסט נאָך טעג און יאָרען דערגרייכט דיין ציל,
אָנגעזעטיגט זיך מיט פרייד,
האָסט דו אויך ווי
אַ גאָט פון נעבעל־לאַנד,
הפקר און פריי —
איבערגעגעבען דיין געשאַנק צו צווייטע אין די הענט,
און אצינד?
בין איך בלויז אַ שפּילצייג אויף דער ערד,
פאַרפּלאָנטערט אין אַלעמענס הענט —
יעדע האַנט,
שפּילט זיך מיט מיין הארץ
און רייסט פון מיר ארונטער גליק...

אין מיינע געדאַנקען

אין מיינע געדאַנקען
טראָגען זיך אוצרות פארבײַ
און לאָזען איבער
פאַר מיר —
פונקען צאַנקען
און די פונקען פאַר די אויגען
פירען מיך אַוועק אויף די ווייטסטע וועגען,
און וואָס איך וויל אין אײלעניש דעריאָגען,
בלייבען הינטערשטעליג מיינע טריט —
ווייל נאָך איידער
עס הויבט דער דרויסען אָן צו טאָגען,
פאַלט אויף מיר דאָס לעבען מיד...

ארום דער זון.

...דרייט זיך די ערד
ארום דער זון,
פאלט פון איר אויף אונז א בליאסק
און צינדט די אויגען אן.
קוקען ברענענדיגע אויגען צו דעם הימעל.
דרייט זיך די וועלט ;
וויקעלט אוים פון קעפ ארכיוועז
נייע און נייע געדאנקען
אין א פלאנטער פון באגערען...
טורעמט אוים יעדער מענש פאר זיך א גאט
אונטער דער זון.
רייסט זיך יעדערער צו אים ארויף
אין אומבאשרענקטער האפענונג נאך גליק.

אונזער גורל

אונזער גורל —
אַן אומרו פון אַ זייגער,
וואָס וויגט זיך הין און הער.
מיר —
די ווערקצייג פון דעם זייגער
— געפּאַרימט פון דער צייט
באַוועגען די וועלט.
און ווי דער אומרו וואָס וויגט די יאָרען
און פאַרוויגט ניט פון דער שעה דעם קלאַנג,
פאַרוויגט ניט קיינער, קיינער
אונזער וויי...

אַ טאָג און אַ יאָר

א טאָג און א יאָר.
א יאָר און א טאָג.
טעג און יאָרען פארקנוילט
אין א וועלט.
און מיר?
בלויז אש פון אַ ברענענדיגער קויל
מיט שפּינוועב פארשטעלט...

וועלטען

מענשען —
וועלטען, וועלטען, וועלטען,
פינטלען זיך פאר מיינע אויגען.
געוועלטיגען מיט מיר,
האווען מיט דעם אומגעדולד אויף אַלע וועגען
אין א ריזיגער וועלט.
איך —
מיט אַלע מענשען,
אייל מיט זיי אין געלויף פון לעבען,
ארום אין טומעל,
צו פארטומלען זיך אליין...

אונזער לעבען

אונזער לעבען,
איז דאָך בלויז דער שפּיל פון טויט.
שפּילט ער זיך מיט אונז
פאַר צייט פאַרטרייב.
יאָגען מיר ארום זיך,
ארום זיין שאָטען אויף דער וועלט.

אונזער וועג

אונזער וועג
— א לאבירינט.
פירט ער אונז פארבײ
דורך די וואונדער פון זײַן קונסט
אויף דער ערד,
פון געבורט — צום פאַרגיין.
מיר,
אין זײַנע קאָרידאָרען,
זײַנען ציטערדיגע פלעקען
צווישען בײדע ברעגען אויף דעם אינזעל.
יאָגען מיר זיך אום אין קאראהאָד,
אײנער נאָך דעם צווייטען,
צו זײַן פאַראוים בײַ דער שוועל
פון גליק...

אויף אַ פאַרזאַמלונג

ער האָט גערעדט: —
די שטילקייט געגורעט זיך האָט אויף די ווענט
און פריי האָט זיין אָטעם געוויט אין דעם זאַל.
זיין בליק האָט געשוועבט אַזוי פלאַמיג אין רוים
געבליאַסקעט אין די אויגען ווי אַ בלישטשענדער שטראַל,
אויף מענשען וואָס האָבען געוואַרט אויף באַשייד —
און האָבען געאָטעמט זיין שטימע מיט פרייד.

ער האָט גערעדט: —
עס האָבען די מענשען געשפּיצט זיי'רע קעפּ,
ווי באַדענדע מיידלעך אין וויגענדען טייך
און גיריג די מיילער און אויערען געשפּרייט,
צו כאַפּען אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט פון זיין רייך —
פאַרשלונגען דעם הויך פון זיין נייעם געדאַנק,
וואָס האָט זיי געוועקט צום לעבען-פאַרלאַנג.

ער האָט גערעדט: —
און אויגען און אויגען געצילטע אויף אים
געשפּיגעלט זיך האָבען אין בליציגען בליק;
און האָבען אין אים ווי אין חלום געזען —
שעמערירען דעם אָפּגלאַנץ פון אייגענעם גליק.
ער האָט די געדאַנקען געשאַרפט נאָר ביי זיי,
געלייטערט דאָס האַרץ און געלינדערט דעם וויי.

1917

פריער צו שפעטער,
וועט מיין האָפענונג אויף רו
אין טעג פון וויסטעניש און שטומען צער,
צעשווימען ווערען
ווי א קרויזעלדיגער רויך אין ווינד.
די דראָענדיגע אומרו
פון מיין געדאַנק
געבוירען
אין זינדיגע טעג,
וועט טריומפירען איבער מיר...
ווי א חיה,
וועט זי איבערייסען מיט אַמאָל,
מיין אָדער־שנור
מיט טויזענטער דורות,
און לויז לאָזען —
די אלטע זינד.
און איך —
וועל ווי אַ פּאיאַץ אין העלען טאָג
אין מיטען מארק,
לאַכען, לאַכען, לאַכען,
לאַכען פון דער וועלט...

פיראַטען

...און איך וועל אויף אַ ווייסען לייווענד,
צייכענען אַ בילד —
און טראָגען דאָס אין גאַס,
אויף מיין הארץ;
— אַ ים.
עס ציען זיך אויף אים פון אַלע ברעגען,
ווי אין א מדבר קאראוואנען —
שיפען, שיפען, שיפען,
ארום זיי
אויף גלוט צעפלאַמטע וואלענטעניץ,
ווי פייער שפייענדיגע בערג;
יאָגען זיך אַרום אין ווילדען ראָד געדריי.
פיראַטען
וואנזיניגע
מיט רציחה אין די אויגען
אין אַ בלוטיגען געפעכט...
און פון אונטער זינקענדיגע שיפען,
שווימען פון אַלע זייטען אַפיר
אין די וויגענדע טאָלען פון דעם רויטען ים:
קעפ. הענט און פיס,
פאַר דעם שיין פון טאָג...

מיטגעטאַנצט

מיין וועג —
א זילבער שפּיגעל.
זע איך זיך אויף אים אין נאַקעטקייט פון מיין נשמה.
הינטער מיר,
שאַרט זיך נאָך א שאָטען פלעק,
און הינטער אים —
שפּיגעלט אָפּ זיך אין אַ שוואַרץ־טאָרנאַדאָ־נאַכט
א וועלט —
געקנאָטען פון מיין בלוט און אנגסט . . .
זע איך זיך אין טרויער
מיט מיין לעבען גיין
ווי אַ בעטלער פון מיין וויסטער חורבה
אין דער ווייסער פרעמד, —
און אין מיטען איילענדיגען גאַנג,
שפּריצען אונטער מיינע פּיס אַפּיר פייער פונקען,
ווי א האָגעל־טאַנץ אויף די פליגלען פון א ווינד . . .
דאַכט זיך מיר —
איך וואָלט אַ וואַנזיניגער מיטגעטאַנצט
מיט צונגען פון א שרפה . . .

אַ פארלאָזענער

א פארלאָזענער
פון גאָט, פריינד און שונאים,
האָב איך זיך אָן איינזאמער אין העלען טאָג,
פארנומען אויף א פרעמדען וועג
מיט דעם רעשטעל האָב און גוטס,
וואָס איז אין בלוט פון פייער
פון די שונאים'ס הענט ניט אומגעקומען...
בין איך לאַנג אַזוי געגאַנגען אויף וועגען
פון לאַנד צו לאַנד
און געזוכט אַן אָרט —
פאר די גלידער מיינע פארשטייפטע פון פראָסט.
נאָר איך האָב אין דער ווייטער פרעמד
ניט אָנגעטראָפען א מענש,
וואָס זאָל בויגען שטום זיין קאָפ
פון באַדויערונג אויף מיר.

פיר־און־אכציג

אין פאַרצווייפלונג

פון יענעם טאָג,
ווען עס האָט אָנגעהויבען שלאָגען גיכער
ווי אלע מאָל מיין פּולס,
איז מיין הארץ פארפרעמדט פון רו.
מיין געדאנק ניט פריי פון צער
אַפילו אויף אַ רגע
דורך אלע פיר און צוואנציג שעה.
טאָג נאָך טאָג,
גייט מיר נאָך די זאָרג
און מאַכט אומגעדולדיגער מיין האַרץ,
אויף דעם ריזיגען יריד
פון לעבען.
נאכט נאָך נאַכט,
קומען פון דער טונקעלקייט צו מיר אין הויז —
שאָטען־געסט :
לאָדען אָן מיך
מיט צער און אנגסט,
ווי א פעלד אַמאָל אין זומער טעג
מיט היישעריקען.

אין טעג פון צער

פון מיינע אויגען,
קוקט ארוים מיין פּאַטערס טרויער
אין דער ווייסער וועלט.
נעפּלען זיך די אויגען
פון צער פארשטעלט.
טראָג איך אין מיין טרויער מיט
מיין פּאַטערס פּיין:
צאַפּעלט זיך דאָס האַרץ אין מיר פון שרעק
קאָן איך ניט קיין רו געפינען
אין מיין זיין
אויף דעם לעבענס וועג: —
און יעדער מענש וואָס גייט פארביי
אויף דעם גרויען טראָטואר,
זעט ניט אין מיינע אויגען —
פּערעל פון מיין צער.

דאָס לעצטע מאָל

(צום אָנדענקען פון מיין פאָטער).

דאָס לעצטע מאָל,
ביי אונזער צעשיידונג אין וויטען וועג,
ווען עס האָבען דיינע ציטערדיגע ליפען
מיין געזיכט באַרירט,
האָסטו פיבעריש אין שווערען טרויער,
איינגעאָטעמט אין מיין יונגען האַרץ —
דיין ניט דערזאָגטע פיין —
דעם מיסטעריעזען צאַפּעל פון דיין זעל.
און אין יענער שעה,
האָב איך שיידענדיג פון דיר גע'ירש'ענט אין מיין בלוט,
דיין ניט געלעבטען לעבען...
פון יענעם טאָג,
האָט דיין וויינענדיגער צער פון הילפסלאָזיגקייט און שרעק,
געפונען קאָרידאָרען אין מיין זעל —
און וויברירט אין זיי אַזוי אָפט,
ווען איך דערמאָן זיך אָן דיר...
פאַרגייען טעג און נעכט אַזוי אין יאָרען.
יאָר נאָך יאָר,
און עס ליגט ביז היינט אין וויטען לאַנד,
אויף מיין פּנים אויסגעקריצט דיין שרעק
פון יעדען טאָג אין לעבען.
און מיט דיין צער אין מיינע אויגען,
זאָג איך אָן
יעדען דורכגייער אין וועג:
איך טראָג מיין פאָטער'ס טרויער.

זיבען־און־אכציג

אומרו

שלאַנגענדיגע אומרו מיינע,
פרעסערישע ווײ,
פאָלגסט מיך נאָך אויף מיינע וועגען
וואו איך שטיי און גײ.

כ׳פיל דיין שרעק אין יעדען אבר,
צינדענדיג מיין בלוט;
פינקעלסט מיר אין מיינע אויגען,
צינדסט זיי אָן אין גלוט...

און איך גײ אום ווי אַ שכור,
וואקלענדיג און מיד,
יעדען טאָג א וואונד א נייע
אין מיין הארצען גליט.

שלאַנגענדיגע אומרו מיינע,
— חיה׳דיגע שרעק,
בלייבסט דיין נעסט ביי מיר שוין אייביג,
צו דו גייסט אַוועק?

א רעכענונג

קומט צו מיר די אומרו
ווי מיט אויסגעשפּיצטע נעגעל פון א בייזע קאַץ
און הויבט אָן דראַפּען מיינע אָדערען —
פאר א רעכענונג פון טאָג,
פון גורל מיינעם אויף דער ערד ;
ווערט געבוירען פון מיין טרויער
אין זעל ביי מיר אַ פּחד,
און שאַרט אריין זיך ווי א שלאַנג אין גוף,
— קנוילט אַרום זיך
אין מיין אויפגעשוימטען בלוט
ארום מיין האַרץ...

א טאָג

א גאַנצען טאָג,
האָט עפּעס אַ געפיל אין האַרץ,
מיר געוועבּט אין שרעק,
— די וועלט.
מיין געדאנק,
פון נעכטיגען עקסטאז,
וואָס האָט געמאָלען פאר מיין אויג:
— גליק,
האָט מיט אַמאָל
די אומרו אין מיין בלוט,
דערטרונקען
די יובעלדיגע פרייד,
וואָס האָט דעם וועג מיר אויסגעגילט.
געלאָזען שטיין מיך א פארווירטען
ווי ביינאַכט אין וואלד
צווישען וועגען צוויי,
וואָס האָבּען פון דער ווייט צו מיר,
מורא'דיג געבליקט.
איך אין פארווירענדען שרעק,
האָבּ אין יענע רגע ניט געוואוסט,
אין וועלכען וועג צו גיין...

בּוינציג

אָפּטמאָל

אָפּטמאָל,
ווען איך ליג אַ מידער בײַנאַכט,
פֿון טאָג געפֿילדער אויסגעשעפּט.
און געפֿאַנגען פֿון אַ וויסטען געדאַנק
אין די אָרעמס פֿון רעגונג:
— זע איך,
ווי איך ווער באַוואַכט
פֿון מײַן שאָטען אויף דער וואַנט
און פֿונ׳ם זייגער,
וואָס קלאַפּט אויס די טריט פֿון גאַנג —
פֿון דער שרעק,
וואָס קומט צו מיר אין הויז
מיט דראָענדיגע הענט —
און שפּאַצירט אַרײַן זיך פֿרײַ
צו מיר אין גוף,
און וועקט די וואונדען מײַנע אויף
אין יעדען גליד,
און שפּילט אויף זיי
דאָס ליד —
פֿון מענש.

אַנטוישונג

נעכטען
האָט מיין לעבען געזונגען
ליד נאָך ליד —
און ווי אַ קינד אַ שטיפער איז מיין פרייד
אין מיר אַרומגעשפרונגען
אין מיין וועלט געשמידט
מיט גליק באַגלייט...
און היינט?
בין איך אליין,
ווי אַ פישער אין דעם שיפעל אָהן די רודערם אויפ'ן ים
פאַרלוירען אין דער נאַכט —
געבליבען שטיין,
אין דער גרויסער וועלט
אָהן שונאים און אָהן פריינט
אליין אין זיך פאַרטראַכט...

בײנאַכט

פֿון טאָג,
אַ פּלאָנטער פֿון ברעקלאַך געדאַנקען פֿון זאָרג,
קנוילען זיך אויף אין מיין קאָפּ יעדע נאַכט,
און שלענגען דורך מיינע געהירען פֿאַרבײ זיך,
ווי דראָטען צוגליטע מיט שפּיציגע ציין.

ווער איך,
דער שפּיל פֿון דער שווארץ־שטומער רו איבער מיר.
מיין האַרץ ווי אַ בנין צוגליט פֿון אַ פֿלאַם;
ראַנגעלט זיך הילפֿלאָז אין מיר די נשמה,
ווי מיט א חיה א צורייצטע אין שטייג.

הערבסט

עס פלאַטערט דער ווינד איבער גראָזען און פעלד
און זינגט זיי אַ ליד פון זיין סוד,
ווי שטאַרק און ווי ריזיג ער איז אויף דער וועלט
און אייביג אומשטערבליך ווי גאָט.

דערפילען די גראָזען די קאַלט גרויע טעג
און בייגען זיך איין שוין באַשווערט,
אזוי ווי זיי וואָלטען פון ווינטיגען שרעק
געוואָלט צוריק אריין אין דער ערד.

אויף אלע וועגן

אויף אלע וועגן,
פאררינגלען זיך פאר אונז
די טויערן פון דער וועלט.
ציען זיך צוריק —
לעגיאנען אויפ׳ן וויסטען וועג
צו די ברעגען פון פאר׳חרוב׳דיגע לענדער
און זאגען אונטערוועגענס אן די מידע וואנדערער,
צו בלייבען אין כאאס פון אייגען אומגליק...
הערען מיר און שווייגען,
ווי די זאנגען אין די שניט-טעג
פאר דעם בויער׳ס שארף
און קארטשען זיך אין שלאנגען-נעץ פון פיין און צער,
שלייפענדיג נאך שארפער אוים דעם טרויער
מיט דער ארימקייט פון אונזער גורל.

האָפענונג

האָפענונג —
אָריענט אין מיין נשמה.
דיין בליאַסק פאַלט אויף מיין געזיכט,
ווי די זון אין מיין אומעטיגער שעה.
און ווען עס פרעסט זיך איין אין מיינע אויגען
די גראַקייט פון הערבסט
און שפרייט אַ פחד אין האַרץ,
וואַרט איך אויף דיר אין מיין פאַרצווייפלונג —
צו פאַרהעלערען מיין טאָג.

זעקס און צוואנציג

אומזעבאַרע וועגען

פון אומזעבאַרע וועגען,
דערנענטערט זיך צו מיר
דער לעצטער טאָג פון טרויער
צום אונטערגאַנג.
און נאָך איידער,
איך וועל ענדיגען, מיין געזאַנג
פון דאָס אומרואיגע אין מיין האַרץ,
וועט מיין פיין פאַרגיין
מיט דעם לעצטען וואָלקען פון דער נאַכט,
ביים זון אויפגאַנג.

אויפגאנג

פון מיין נעכטיגען טאָג,
איז מיר גאָרניט געבליבען פאר מיין היינט
וואָס איך זאָל באדויערען.
פיל איך זיך אצינד אויף ס'ניי
געבוירען ריין און פריי;
וואוזשע זאָל איך דאָ ארומגיין אין די העלע טעג
ווי א זקן און נאָר טרויערען;
אז דער חודש אַפּריל חלומ'ט מיר א חלום אויס,
וואו איך זע אין ווייסען ליכט,
העלט זיך פון א ווייטען ברעג —
אַ נייע וועלט
פריש און לינד.
און איך,
מיט א פריידיגען געזיכט
פון גליק באזעלט,
זינג פון יובעלדיגען רויש,
וואָס טראָגט זיך איבער מיר פון פריינט
אין געזאנג פון ווינד.

זיג

ווען קומען וועט מיין זיג
און וועט ווי דאָס ליכט פון א רעפלעקטאָר
באַשטראַלען די וועלט
וועט איבער מיר,
גוסס'ן דער יובעל געשריי
פון נעכטיגען גאָט.
געלייטערט וועט ווערען מיין הארץ פון צער,
און געבוירען א ליד פון זיג.
און מיט די פרייהייט אין מיין געדאַנק,
וועל איך באזינגען מיין צווייטען געבורט
אויף דער וועלט.

פון ניט געטראָטענע וועגן

און כאָטש די וועגן זיינען הינטער מיר געווען אַ לאַבירינט
און האָבען ווי אַ נעבעל מיר דעם קאָפּ באַדעקט מיט רויך
פון חורבות און פון בלוט; —
האָט דאָך מיין מידער גוף
ניט אָפּגעשוואַכט מיין אויג,
איך זאָל ניט זען דאָס מאָרגענדיגע ליכט
און בלייבען שטיין אין מיטען וועג
אַ ניט דערגאַנגענער צום ציל,
— נאָר געגאַנגען בין איך מיט מיין שאָטען זאַלבאַנאַנד,
ווי מיט אַ פריינט
פון וועג צו וועג.
אויסגעלאַכט פון מיינע פיינט.
האָב איך מיט מיין ווי געשטעלט מיין פוס —
אַנטקעגען ווייטע האָריזאָנטען אין דער ווימטער פרעמד
פון לאַנד צו לאַנד...
און יעדען מאָל —
ווען איך שטעל נאָך היינט מיין פוס אויף אַ זוניג-העלען אָרט,
קוקט דער טאָג אַ ליכטיגער אריין אין מיינע אויגען
און היילט פון צער אין מיר דאָס האַרץ.

הוגדערט

פון פרייד,
צעשפּילט זיך אין מיר,
דאָס לעבּען מיינס,
און העלט אוים פאַר מיר אַ נייע מאָרגען שעה.
און פון אַלע פאַרבּען פינקלעריי,
רויטלען זיך אַרוים —
ווי פון אַ פאנטאן רעגענבּויגענדיגע וואַסער־שפּריצען —
מיינע האָפענונגען פון דאָס ניי.

אַן אויסגעלייטערטער

די וועלט,
האָט היינט באַפּרוכפּערט מיך
און רייך געמאַכט
מיט נייע טעג —
ווי דער אַפּריל-ווינט
דעם בּוים און סאָד.
ווערן אויסגעהעלטער מיינע אויגען
מיט יעדען אויפגאַנג פון דער זון.
צעגייט,
ווי אין לופט אַ בּלויער רויך
מיין נעכטיגער צער.
ווער איך אויסגעלייטערט פון מיין טרויער,
און גיי אַ פרייִדיגער אנטקעגען
מיינע טעג.

די גבורה

אין כאַטישען ווירוואַר
פון שטול און שטיין אין שטאַט,
ציט זיך נאָך פון דורות לאַנג
ביז היינט צו טאָג,
אַ פאָדים פון גבורה
אין מיין זעל אַריין
און קנוילט זיך אַרום מיין האַרץ.
ווערט מיין ברוסט
שטאַרקער אויסגעשמידט,
ווי אַ פּאַנצער פון אַ קריגער.
גיי איך אויף די שווערסטע וועגן
פריי צום ניט דערפּעכטען ציל —
באַגלייט מיט מוט פון אַלטען דור,
וואָס האָט פאַרזייעט אין מיר
דעם גייסט צו נייע טעג.

אין עקסטאז

אָפּטמאָל,
אין עקסטאז פון מיינע געדאנקען,
וואָס בליצען רעגענבויגיג אויף פאר מיר
און פארבען אוים פאר מיינע אויגען
העלע טעג,
שלינג איך אַ דורשטיגער,
ווי א זויגלינג פון דער מוטער׳ס ברוסט,
יעדען העלען בליאַסק צו מיר אין האַרץ אַריין.
פיל איך ווי עס היילט אין מיר זיך וואונד נאָך וואונד,
וואָס דער צער פון טאָג,
האָט איסגעבויערט אין מיין ברוסט,
אין דער ווילד־פאר׳חורב׳דיגער וועלט
אין יאָר נײַנצען־זיבעצען.
— אַ געלייטערטער פון וויי
וויקעל איך זיך פון מיין עלענד אוים,
צעריים דעם טרויער־שלייער פון מיין אויג.
זינגט אין מיר א יעדער אבר —
זינג איך א דערפרייטער נאָך,
— די פרייד פון קומענדיגען גליק . . .

א בילד

א בריף!
א בריף פון דער היים!
האב איך אויסגעשריען צו זיך אליין
און ציטערדיג פאר פרייד געזונקען אין שטול.
האלטענדיג דעם בריף אין האנט,
האט נאך גיכער ווי א בליצען-לויף
אויפגעשיינט מיר א זומער פארנאכט:
די זון באגילט דעם העכסטען שפיץ פון בלויען בארג
און באשפריצט דעם וואלד מיט פייער-זאמד.
דער וואלד א רעגענדיגער שטייט אין בלויען רויך
און שלענגעלט זיינע זיג-זאג צונגען
צו די וואלקען פון דער נאכט.
דער צוג בלייבט שטיין.
עס טוט א זעץ אין הארץ
די אנגסטיג אומגעדולדיגקייט פון פרייד.
איך שפרינג אראפ פון באן
און בלייב שטיין א פאר׳שיכור׳טער פון גליק
צווישען אויגען-בליצען אנטקעגען מערב-רויט,
וואס פלאמט אויף אין ווייט פאר מיר.

— יוסף!
און איך ליג שוין איינגעקלאַמערט אין מיין פאַטער'ס
אָרעמס.
זיינע ציטערדיגע ליפּען פּרעסען צו זיך צו מיין פּנים.
איך פּראַל די אויגען אויף:
אויף מיין פאַטער'ס פּנים ליגט צעשפּילט דאָס פאַטער גליק
און בינדט מיין האַרץ צו זיינעם צו.
מיר גייען זאַלבענאַנד;
פאַראויס פאַר אונז — דאָס גליק.
„ר' הירש'ס אַ זון, געקומען איז דאָך פון אַמעריקע". —
ציען איבער אונז זיך נאָך די מענשען שטימען אויף דעם וועג.

— — — — — — — — — — — — —

ציטערדיג פון אומגעדולדיגקייט
האָב איך אויפגעריסען דעם קאָנווערט —
און באַפאַלען איז אין יענער רגע מיך אַ וויסטע שרעק.
אַ בילד.
— פאַטער!
איז אַ וויי־געשריי געבליבען הענגען מיר אין האַלז.
אַ קאָפּ —
ווייס ווי אַ באַרג אין מיטען יאַנואַר
האָט אַ בליאַסק געטאָן אין בליק צו מיר.

אויגען —
צוויי שוואַרצע רינגען אין דעם שניי באַרג. —
מיין פֿאָטער׳ס אויגען האָבען זיך פֿאַרקוקט אויף מיר
מיט דעם צער פֿון זיינע וויסטע טעג...

מיט טרערען פֿון מיין האַרץ,
איז דאָס בילד באַפּלעקט געוואָרען אין מיין האַנט,
ווי עס ווערט באַפּלעקט דער שניי באַרג
פֿון אַ מחנה קראָען.

אין קינעמאַטאָגראַף

אין נויאָרק,
אין אַ קינעמאַטאָגראַף;
האָב איך געזען אויפ'ן ווייסען לייווענד,
— אַ שטאָט.
מיין היים פון אַמאָל,
וואו כ'בין שוין לאַנג ניט דאָרט געווען.
יעדע בילד וואָס איז פאַר מיר פאַרבייגעשוואומען,
האָט אויפגעוועקט אין מיין געדאַנק אַ יונגען אַלטען טאָג.
איך האָב דערקענט דעם הויף.
אַ הויז,
וואו כ'האָב די אויגען מיינע אויפגעמאַכט צום ערשטען מאָל
און עס האָט אין זיי אַריינגעווייסעלט זיך דאָס לעבען
פון דער וועלט.
אין הויז —
האָט אַ ברייטע טיר זיך אויפגעפראַלט
און דערזען האָב איך אין מיין היים,
אַ גרוב מיט חורבות, אָנגעוואָרפענע ווי נאָך אַ שרפה...
אויף העלצער און ציגעל באַדעקטע מיט שטיינער,
שוועבט אַרום נאָך דער אָטעם פון מיין אַמאָליג לעבען,

דער פלאַטער פון מיין קינדער שאָטען מיט די
אויסגעשפּרייטע הענט.
אַ חורבה פון אַן איינגעפאלען הויז,
שווימט אַרוים פאר מיר אויף אַ באַרג,
ווי אַ זינקענדיגע שיף אויפ'ן מיטען בערגעדיגען ים.
אויף דער חורבה איז נאָך דאָ אַ צייכען פון אַ שטוב,
פון אונזער דירה נאָך פון אַמאָל.
אַן אָפּגעהאַקטע וואַנט אין ראָזען פאַרב,
ווינקט אַראָפּ צו מיר און קוקט אַריין אין מיינע שטומע
אויגען,
ווי זי וואָלט אין זייער טיפקייט עפּעס דאָרט דערזען.
מיין הויז! —
האָט אין מיר אַ ניט דערשריענדיגע שטימע
אַ ריס געטאָן מיך פון מיין אָרט.
ביי יענער אָפּגעהאַקטער וואַנט,
איז דאָך מיין בעט געשטאַנען?
אָט ליג איך איינגעוויגט פון רו אין שפּעטער שעה פון נאַכט
און חלום מיר אוים —
נייע וועלטען,
וואָס וואַרטען ערגעץ שוין אודאי אויף מיר.
צו די נייע וועלטען אויף דעם וועג,
וויקעלט אויף זיך פאַרבענדיג אַ סטעטשקע שמאָל און לאַנג
און באַגילט דאָס פנים מיר,
ווי די זון דעם שפּיץ פון אַ קופּאָל אין פאַרנאַכט.
און ווייטער אויף דעם וועג —

לויפט מיט מיר די אייזענבאַן.
קוק איך פון דעם פענסטער פון וואַגאָן אַרויס;
פעלדער פלאַכען זיך אין גרינקייט אויף.
וועלדער רונדלען זיך פאַר מיר פאַרביי!
בערג מיט טוי באַדעקט,
הויבען זיך אַרויס פון טאָלען אויף דער ערד.
קלאַפּט דאָס האַרץ אין מיר פון אומגעדולדיגקייט און פרייד,
צעוויין איך שטילערהייט זיך פון מיין גליק.

— — — — — — — — — — —

אַ ווייסער פלעק.
אָט איז די לאַנגע שמאָלע גאַס.
די הייזער —
צוויי רייען שטיגען ציען זיך אַרונטער צום ווייכסעל,
אויף די טראָטואַרען איילען מענשען נאָך אַרום פאַר-
זאָרגטע הין און הער
און שלעפּען נאָך מיט זיך זייער שאָטען אויף דער ערד.
אויף די שוועלען פון די קראָמען,
שטייען נאָך קרעמער ווי אַמאָל און קוקען אויס אַ קונה.
וואו ניט וואו אויף אַ גאַניק
זיצט אַ מאַמע מיט א קינד אויף דער האַנט.
לעבען רינשטאָק,
רויען זיך הונגעריגע קעץ מיט פחד׳דיגע אויגען.
אויף אַ שטיין ניט ווייט פון לייזער שוסטער׳ס קעלער-שטוב,
זיצט די אלטע שרה מיט אַ קיישעל באָב,
און גענעצט צו דער וועלט.

בײַ דעם ראָג פֿון בית־המדרש,
שטײט נאָך אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטײנערדיגען פּלויט,
דער בלינדער דוד מיט זײַן האַנט ציטערענדיג
אויסגעשטרעקט,
ווי ער וואָלט אַלס דורך דעם רונד פֿון טעג און נעכט,
ניט אָפּגעטראָטען פֿון זײַן אָרט
און בלינדערהייט דאָרט אויסגעבעטעלט אַלע גראָשענס
פֿון דער שמאָלער גאַס.

אויפֿ'ן מיטען שטײנערדיגען וועג,
שלעפּט פֿאַרבײַ זיך וויגענדיג אַ שווערע פֿור
און ציטערט אויף די הײַזער פֿון דער גאַס;
פֿאַר די פֿיס פֿון די פֿערד,
שפּרינגט אַנטקעגען בײז אַ שוואַרצער הונט און בילט.

אָט זע איך,
דעם לאַנגען בלויען טײַך.
שיפֿלאַך ווי וויגלאַך וויגען זיך אין וואַסער אין
זוניגען טאָג.

אויפֿ'ן ברייטען ברעג,
צעוואָרפֿענע בערגלאַך מיט געלען זאַמד.

אויף זיי — קינדער,
ווי טאַנצענדיגע ווערעקעס אין וואַלד.
אין שפּרינגענדיגען שפּיל מיט זיי,
שפּרינג איך נאָך אַ פֿרײדיגער מיט באָרוויסע פֿיס
פֿון באַרג,

אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף.
הינטער מיר —
די זאָרגלאָזיגקייט פון מיינע יונגע טעג
צינט אָן אין מיינע אויגען קינדער פרייד
און באַהעלט מיין וועלט.
מיט אונזער טומעל און געשריי פון גרויסען גליק,
לאָזען מיר דעם טייך ניט ווערען איינגעדרימעלט
אויף אַ ווייל.
און חלומ'ען פון רו.
אַ הויז.
מיין אַמאָליגער חדר.
די רויכעדיגע גרויסע שטוּבּ מיט איינגעווייסטע
פענסטער צוויי.
דער באַלקען ליגט נאָך אָנגעשפּארט אין ווינקעל אויף
אַ קלאָץ.
בּיי די געלע שטענדערס אויף די לאַנגע בּענק,
זיצען אינגלאך מיט די ציצות אויף די קני און לערנען.
לעבּען שלמה-שמש'ס בּן יחיד'על משה'לע מזיק,
זיץ איך אויך און קוק מיט אים אריין אין חומש.
לעבּען פענסטער בּיי דעם בּרייטען טיש,
זיצט דער רבּי ר' מנחם מיט דער ווייס-געקרייזטער באָרד
און קוקט דורך זיינע בּלויע בּרילען בּייז אויף יונה דעם
גביר'ס קדיש'על,
וואָס זאָגט פאַר אים די עברי.
איך הער זיך איין אין רבּינ'ס זינגענדיגען נגון

און זינג אים שטילערהייט נאָך אין מיין האַרץ בײַ מיר.

— — — — — — — — — —

נאַכט.
איך שפּרינג אויף פון באַנק,
ווי אַ פיש פון וואסער צו דעם שימער פון דער זון.
איך לויף אַהיים פון חדר
מיט רויטע קניפּען אויף די באַקען,
מיט דעם רבינ׳ס דאַרע פינגער אויף מיין לײַב.
די שטוב, אונזער שטוב —
די מאַמע, מיט דעם פאַרטוך אין דער האַנט,
ווישט מיר אוים די טרערען פון די אויגען.
דאָס קינד אין וויגעל,
פאַרוויינט נאָך העכער מיין שרייענדיג געוויין.
דער האַרציגער גמרא-נגון פון מיין טאַטענ׳ס האַלז,
שלינגט איין מיין מאַמעס טרייסט און טראָגט דאָס
דורכ׳ן פענסטער
אויף דעם וואָיענדיגען ווינט אַוועק.
דאָס רויכעדיגע לעמפּעל אויפ׳ן מיטען טיש,
מאַכט ברודיגער מיין פּנים.
דער טאַטע נעמט אַ גוטינקער אַרויף מיך אויף די קני,
גלעט מיין פּנים מיט זיין ברייטער האַנט:
— "אַ איד מוז לערנען, לערנען תורה„.
און זינגענדיג מיר אונטער מיט זיין זיסען נגון,
ווער איך איינגעדרימעלט.

— — — — — — — — — — — — — —

א שוהל.

דיזעלבע גרויסע שוהל פון אַלטען מאַרק.

— יום-כפור פאַרנאַכט.

דאָס פייער פון גיהנום לעשט זיך אויס אין בלוטיגען הימעל.

דער לעצטער זונען-פּאַס פאַרלירט זיך אין דעם וואָלקען פלאַנטער,

וואָס קרייזעלט זיך אַריבער אויף דער שטאָט.

פון די טירען און אויפגעמאַכטע פענסטער,

ציען מרה-שחורה'דיג אַרוים זיך אויף דער ערד פון הויף,

ציטערדיגע שטראַלען פון נשמה-ליכט

וואָס קוקען סודות'דיגע פון דער שוהל אַרוים.

איך —

אַ בחור אַ דערוואַקסענער מיט דעם מחזור אין דער האַנט.

אייל מיט גיכע טריט אַריין אין שוהל

און נאָך גיכער פון מיין איילענדיגען גאַנג,

לויפט פאַראויס אין וועג פאַר מיר —

דער פחד פון כל נדרי.

איך פלאָנטער איין זיך אין אַ גרויסען עולם אידען,

וואָס שטייען אָנגעשפּאַרטע איינער אויף דעם צווייטען

איינגעהילט אין טליתים.

צווישען זיי אַ ציטערדיגער שטעל איך זיך אַוועק ניט

ווייט פון עמוד,

וואו עס שטייט אין קיטעל דער בעל-תפלה.

אַרום מיר אין שוהל,

שאָקעלט זיך דער וויינענדיגער עולם

און קלאַפּענדיג זיך מיט די הענט אין האַרץ,
זיינען אַלע אַזוי ווײנענדיג מתפּלל —
ווי זיי וואָלטען זיך אַרויסגעקלאַפּט די לעצטע זינד
און געלייטערטע געוואָלט דערגרייכען צום באַשעפער
פון דער וועלט
און פאַלען מיט׳ן פּנים צום כסא־הכבוד.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך קוק אַלץ ווייטער אויפ׳ן לייוועגד:
אַ גאָרטען.
דער גאָרטען פון דער שטאָט.
הינטער ברייט געצווייגטע ביימער אויף די גרינע בענק,
זיצען מענשען מיט דער רואיגקייט פון שבת־טאָג אין
זייערע אויגען
און קוקען איין זיך אויף די שאָטענדיגע בלעטער אויף
דער ערד.
אויף די צווייגען איבער זייערע קעפּ,
שפּילען זיך די פייגעל מיט די ציטערדיגע פעדים פון דער זון
און זינגען לידער פאַר דעם העלען טאָג.
אין מיטען גאָרטען,
רוישט דער פאָנטאַן.
נאָך שפּריצט דערזעלבער פאָנטאַן אַרויף אין דער הויך
זיינע זילבער שנירענדיגע וואַסער שפּריצען,
ווי קרישטאָלענע פאַלענבויגענס אין פיאָלעטען טוי.
און די פיר לייבען קעפּ,
מיט די אויפגעמאַכטע מיילער,

קוקען צו מיט די אויסגעגלאָצטע אויגען צו דעם
וואסער שפּיל.

און קינדער בײַ די אַכט געפּענטע קייטען,
וואָס האַלטען צוגעבונדען דעם פאָנטאַן,
פּאַטשען מיט די הענטלאַך צו צום וואַסער שפּריצערײַ
און קוקען פריידיגע אַרויף צום העכסטען שפּריץ.
פּלוצלונג —
מײַן נאָענטער חבר נאָך פון חדר.
מיט אים נאָר פלעג איך
מײַנע יום-טוב׳דיגע שעה׳ען באַזינגען אין די לידער.
אפשר איז ער דאָס געוועזען אויפ׳ן לייוועגד?
דער איד מיט גרויע קנייטשען אויף זײַן בערדיג פּנים?
דער פאַרעלטערטער באַווינטערט מיט זילבער האָר,
וואָס האָט אַראָפּגעקוקט מיט ציטערדיגע אויגען?
אפשר האָט ער מיך דערקענט אין קינעמאַטאָגראַף?
נאָך איידער כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן,
האָט דער גאָרטען ווייטער זיך גענומען שלענגלען
אויפ׳ן ווײַסען לייוועגד.

איך האָב דערזען אַ טונקעלע אַלעע:
דער וועג אַ גרין-באַבוימערדיגער הייל.
בײַ דעם גראָבען דעמבע בוים, וואָס האָט צו מיר
אַרויסגעבליקט,

שטייט נאָך אַלץ דיזעלבע באַנק.
אויף איר בין איך דאָך געזעסען שעה נאָך שעה מיט איר,
אַ צוגעפּרעסטער צו איר פאַרציטערט האַרץ

פאַר׳חלומ׳ט פון די שטילע רייד...
דער גאָרטען!
וויפיל פרייד פון מיינע שעה׳ען האָב איך דאָרט
געלאָזען הפקר?
וויפיל חלומות אויסגע׳חלומ׳טע אין רו,
האָב איך אויף די צווייגען אויסגעהאנגען איבער מיר?
דאַכט זיך —
איך זע מיין האַנט נאָך אויף דעם דעמב!
— אָט שנייד איך אוים אויף אים, מיט מיין מעסערעל,
— אויגען פון אַ מענש.
קוקען זיי צום גאָרטען פון דעם בוים אַרוים.
און קוקען איצט צו מיר אַראָפּ אין קינעמאטאָגראַף.
צו האָב איך יענעם טאָג געוואוסט,
אַז איך וועל די שניטען פון דעם אלטען בוים אַמאָל
דערזען אין נויאָרק?
און ווער איז דאָס געווען — דער אַלטער איד: —
וואָס האָט צו מיר געקוקט דערשראָקען פון דער גאַס?
פון דער ברייטער גאַס.
"ר׳ חיים נחום„ אונזער אַלטער גוטער פריינט!
איך האָב אים אין זיין קאַלטען-באָרד דערקאָנט.
דאַכט זיך, אַז ערשט נעכטען בין איך דורך זיין קראָם
פאַרבייגעגאַנגען
און צו אים געזאָגט — "גוט-מאָרגען — ר׳ חיים-נחום„.

— — — — — — — — — — — — — —

געשטיקט פון בענקשאַפט אין מיין האַרץ,
האָב איך אומרואיגער אויף דעם ווייסן לייוונט אַלס
געקוקט.

אַ בית-עולם!
האָב איך דאָרט אויף אים דערזען,
דער אַלטער בית־הקברות!
איך האָב אים מיט מיין ערשטען בליק דערקאַנט.
אויף דעם לאַנגען באַרג,
די האַלב-פאַרזונקענע מצבות אין דער גראָזענערד,
האָבען אין דער הויך אַרויסגעקוקט מיט אויסגעמעקטע
אותיות,
באַגרינט מיט מאָך.
פאַר דעם באַרג,
דיזעלבע בענק דאָרט אָפּצורוען אויף אַ ווייל פון וועג,
שטייען ווי אַמאָל נאָך הינטער איינגעבויגענע ביימער.
דער קברות-מאַן —
האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטען גאַנג
און ווי פאַרוואונדערט מרה-שחורה'דיג געקוקט אויף מיר.
איך האָב אויפגעציטערט פון אַ מיסטעריעזען פחד
און פחד'דיג אריינגעקוקט אין זיינע גרויסע אויגען...
האָט ער אפשר מיך דערקאַנט צווישען אַלע מענשען
אין טעאַטער?
דערציילט פון מיין פאָטער'ס טויט? —
און מיט די שטומע בליקען אָנגעוויזען מיר זיין קבר.
דער בית-עולם!

ווי לאַנג איז דאָס, ווי עס האָט מיין פּוס געטראָטען דאָרט?
מיט מיין טרער באַנעצט די ערד?
און אָט איז ווייטער:
פון אַ שורה קברים אויף אַ ווילד באַגראָזטען שמאָלען וועג,
האָט ווי אַן איינגעהויקערטע זקנה זיך אַרויסגעקוקט –
אַ מצבה
און פאַראומערדיג צו מיר געבליקט.
איך האָב ווילד די אויגען מיינע אויפגעריסען פון דער
פינסטער:
אַ מצבה!
מיין מאַמעס נאָמען אויסגעקריצט אויף איר.
אין אַ נעבעלדיגען טאָג
האָב איך זיך דערזען ביי דעם קבר שטיין.
לעבען מיר אַן אַלטער איד –
אין מיינע אויערען ציען זיך אַריין די טענער
פון אַ טרויערדיגער שטימע...
די אָפּגעמעקטע אותיות פון שטיין,
נעצען זיך פון מיינע טרערען.
איך בין אַהער געקומען דאָ דאָס לעצטע מאָל אויף
קבר־אָבות.
— אַ טאָג פאַר מיין אַוועקפאָרען קיין אַמעריקע.
געקומען זיך געזעגענען אויף לאַנג און אפשר שוין אויף
אַלע מאָל?

— — — — — — — — — — — — — —

און ווייטער.

נאָך אַ פּלאָנטער פון געדרייטע געסלאַך.
אַלע אַלטע גוט באַקאַנטע גאַסען פון מיין שטאָט.
דאַכט זיך, אַז עס רוישען נאָך אויף מויערען און
טעלעגראַפען דראָטען,
דאָס לאַכען פון די קינדער יאָרען.
נאָך אַ גאַס.
אויף די טראָטואַרען מענשען איילענדיגע ווי אַמאָל.
אויפ׳ן מיטען וועג —
שלעפּען זיך פאַרמאַטערטע די פערד און וועגען הין און הער.
צווישען זיי —
גליטשט פאַרביי זיך אַ טראַמוויי געשלעפּט פון פערד.
דער פורמאַן מיט דער רויטער האַנט.
קלינגט און קלינגט אין מעשענעם גלאָק:
גלינג, גלינג, גלינג.
אויף אַזאַ טראַמוויי,
בין איך אויך אַמאָל געפאָרען.
— אָט זיץ איך דאָרט מיט מיין וואַליזע אין דער האַנט,
קוק אַרויס פון פענסטער
און עס שלענגעלט זיך פאַרביי פאַר מיר אַ גאַס נאָך אַ גאַס.
לעבען מיר,
זיצען מיינע קרובים מיט אַ נאָגענדיגען אומעט.
מיין פאָטער ביי מיין זייט פאַרטיפט אין געדאַנקען...
דער הפקר וואַכעדיגער טומעל פון דער גאַס,
שלינגט איין אַ יעדען וואָרט פון זיי וואָס רעדען ווען
צו מיר אַרויס.

בײַ יעדן ראָג —
וואו עס גיט זיך דער טראַמווײַ אַ דרײַ אַרײַן,
צעהאַמערט זיך פון אומגעדולד מײַן האַרץ.
איך פיל אין יעדן צאַפּעל פון מײַן גוף:
— דרײַט אַוועק זיך גיך דאָס לעבן פון מײַן קינדער חלום
און ווערט צעטראָטען מיט די שווערע פּאַדקאָוועס פון פערד,
וואָס שלעפּען נאָך זיך הינטער מיר אין וועג.
— אַ געבריל פון אײַזען און פון שטײן.
דערטראָגט זיך צו מיר און שלינגט מיך אײַן אין ווילדען רויש.

און פון דעם טומעל שרײַט ארויס ·
דאָס ווײַטע לעבען פון דאָס פרעמדע לאַנד:
"קום צו מיר דורך נײַע וועגען,
צו דערפעכטען דײַן ניט דערפעכטען ציל אויף דער וועלט"...
— אָט איז דער אײַזערנער געפלעכט פון דער אײַזענבריק,
וואָס האָט מיך אָפּגעשײדט פון דער אַלטער וועלט.
די בריק —
צווישען וועלטען צוויי...
ליגט נאָך אויסגעצויגען ווי אַ לײב
מיט לאַפּעס אָנגעשפּאַרטע אין דער טיף פון טײך.
און אויף דעם רוקען פון דער אײַזען-חיה,
דראַפּעט זיך אַרויף מיט מיר אין ווילדען קלאַנגערײַ,
דער טראַמווײַ.
איך קוק ארום זיך נאָך אַמאָל —
און עס דאַכט זיך מיר:

דער גערויש פון בריק וואָס פאָלגט מיך נאָך צום באַן,
שרייט מיר נאָך אין וועג:
— איך וועל דיר בריקען שפּרייטען אונטער דיינע פים
צו דער נייער וועלט...

אינהאלט:

איך בין דער סוד — 7
סודות — 8
אין שאָטען טאַנץ — 9
ווי זעגלען אין ווינד — 10
די רו הינטער דער שטאָט — 11
אָפּטמאָל קומט מיר אויס — 12
זון אונטערגאַנג — 13
פאַרנאַכט — 14
*** — 15
*** — 16
זון — 18
וואָלקענס — 19
פאַר אַ שטורם — 20
הערבסט — 22
מיט דעם טאָג ליכט — 23
אַמאָל — 24
טאָג — 25
גליק — 26
אַ זעגעל שיף — 27
שטאָט... — 28
נאַכט — 29
אַ פרימאָרגען — 30
צווישען צוויי וועלטען — 31

יעדער אויפגאַנג פון טאָג — 32
און וויל איך — 33
די זון — 34
אַ ציימונג — 35
אַנגסט — 36
איך מוז דאָך זיין אזוי — 37
בריליאַנטען — 38
״ספרינג סטריט„ — 43
דורכ'ן פענסטער פון באַן — 46
ביים האפען — 47
אויפ'ן גליטש — 48
ניט איינמאָל — 50
אין נעפעל פון מיינע אויגען — 51
די מאָדעל — 52
אין ווילדען קאַראַהאָד — 53
דיין נאָמען — 54
דיין האַלז־טוך — 55
אַ חתונה — 56
איך בין... — 57
מיינע טריט — 58
פאַר איר פאַרלאַנג — 60
די דראָענדיגע האַנט — 61
אַטאָמען — 62
איך בין געקומען... — 63
אויפ'ן פאַפיר — 64
ביים שפיגעל — 65
איך זוך און זוך — 66
פרייד — 67
אין שטאָט — 68

ירושה — 69
אין פרעמדע הענט — 71
אין מיינע געדאנקען — 73
ארום דער זון — 74
א טאָג און א יאָר — 76
אונזער גורל — 75
וועלטען — 77
אונזער לעבען — 78
אונזער וועג — 79
אויף א פארזאמלונג — 80
1917 — 81
פיראטען — 82
מיטגעטאנצט — 83
א פארלאָזענער — 84
אין פארצווייפלונג — 85
אין טעג פון צער — 86
דאָס לעצטע מאָל — 87
אומרו — 88
א רעכענונג — 89
א טאָג — 90
אָפּטמאָל — 91
אנטוישונג — 92
ביינאכט — 93
הערבסט — 94
אויף אלע וועגען — 95
האָפענונג — 96
אומזעבארע וועגען — 97
אויפגאנג — 98
זיג — 99

פון ניט געטראָטענע וועגן — — — — — — — 100
אן אויסגעלייטערטער — — — — — — — — — 102
די גבורה — — — — — — — — — — — — — 103
אין עקסטאז — — — — — — — — — — — — 104
אַ בילד — — — — — — — — — — — — — — 105
אין קינעמאַטאָגראַף — — — — — — — — — — 108

פינסקי־מזיל פרעס
84 באוערי, נ. י.